בס"ד / שנה ז' / ראש השנה תשפ"ז / נומער 328



## על אם הדרך

אויף די וועגן צום הייליגן רבי'ן ראש השנה תשפ"ו | צען שעה אויף די פיס ביים גרעניץ | וויאזוי האבן מענטשן רעאגירט דערצו | א שמועס מיט **מו"ה יושע איינהארן הי"ו** וואס איז דערביי געווען.

**יא געשלאפן נישט געשלאפן!**

## מיין ערשטע ראש השנה

א פרישער מקורב פארציילט זיין ערשטע ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן אין אומאן, אין חבורת היכל הקודש.

**יא געדאווענט, יא געגעסן, יא געשלאפן!**

## וואס האט דאס מיר אויסגעפעלט?!

א. זוסמאן

## ארויס פון רוסלאנד

אהרן קליטניק

## אין אומאן מיט די היימישע האניג קוכעלעך

משה ארי' שניצלער

# תמלוך

# די הכתרה איז ביים הייליגן רבי'ן אין אומאן

מיר וואונטשן אלע חשובע לייענערס א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטש יאר

| | |
|---|---|
| 04 | עירנו |
| 06 | היכל הקודש נייעס |
| 08 | אלץ און אלעמען |
| 12 | על אם הדרך |
| 22 | א בריוו פון ר"י |
| 24 | גאסט ארטיקל |
| 28 | א מעשה פון א צדיק |
| 30 | געדאנקען |
| 35 | מעשה פון תפילה |
| 36 | מיין ערשטע ר"ה |
| 43 | געשעענישן |
| 48 | א בליק אויף צוריק |



**בס"ד**

ראש השנה
תשפ"ז

**נומער**
**327**
שנה ז'





















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב ווייס, ישראל דוד העססעק, משה אהרן שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס.

# בלעטל



**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
Editor@bletelmagazine.com
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com
**אויף אימעיל:**
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
**ארץ ישראל:** 053.315.6938



כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.


ALPHAITIS.COM
רענט קאמפיין
היכל הקודש
פון טיפן הארצן טוען מיר
וואונטשן א הערצליכן
מזל טוב
פאר אונזער חשובער חבר
און עסקן וואס געבט זיך
איבער א גאנץ יאר בלב
ונפש פאר אונזערע קהילה
מו"ה
שבתי מארקוס
הי"ו
וזוגתו תחי'
לרגל הולדת בנו
דער אייבערשטער זאל העלפן
זאלסט זען אסאך אידיש נחת פון
אלע דיינע קינדער געזונטערהייט.
קרן הבנין

# אידנו

## טשיילד קעיר פראגראם

ווי שוין געמאלדן אין די פארגאנגעהייט, נאכדעם וואס די טשיילד-קעיר פראגראם האט זיך אויפגעהערט, האט די הנהלה געארבעט זייער שווער אז עס זאל זיך צוריק עפענען. מען האט געבעטן אז מען זאל עס כאטש עפענען פאר די מענטשן וואס האבן עס שוין געהאט בעפאר. נאך עטליכע חדשים פון שפעקולאציעס אויף אלע וועגן, האבן זיי למעשה יעצט געמאלדן אז אום סעפטעמבער 16 למספרם וועלן זיי צוריק עפענען די טשיילד-קעיר פראגראם.

אבער אנדערש ווי ערווארטעט, וועלן זיי עס עפענען פאר יעדן איינעם, נישט קיין חילוק צי מען איז שוין געווען דערויף פריער אדער נישט. עס וועט ארבעטן אויף אן אופן פון "פירסט-קאם פירסט-סערוו"; זיי וועלן נאר אננעמען נייע אפליקאציעס לויט וויפיל געלט זיי האבן אינעם בודזשעט און לויטן סדר וואס מען האט זיך איינגעשריבן.

אנדערש ווי פאריגע מאל, וועט יעצט יעדער מוזן אליינס אריינגעבן זיין אפליקאציע, און די מוסדות וועט דאס נישט קענען אריינגעבן פאר אייך.

דערפאר איז וויכטיג צו וויסן, אז ווער עס וויל זיך אויפסיינען דערפאר, קען זיך מעלדן אינעם מוסדות אפיס אויסצופילן די אפליקאציע אויפן ריכטיגן וועג.

סיי דער מאן און סיי די ווייב דארפן ארבעטן כאטש 10 שעה א וואך כדי צו קענען געניסן פון דעם פראגראם.

דער מוסדות אפיס וועט נישט האבן קיין סאך צייט, ספעציעל ווען מען שטייט יעצט פאר די נסיעה קיין אומאן, און ווען מען קומט צוריק וועט שוין זיכער נישט זיין קיין צייט עס אנגרייטן. דערפאר איז זייער וויכטיג זיך שוין יעצט אפצוגעבן דערמיט.

## קאר סערוויס

ווי אלע ווייסן, האט זיך די לעצטע וואך פארמאכט די טעקסט-גרופעס פון די "גרופ-מי" פירמע. דאס איז געווען א בחינם'דיגע טעקסט גרופע וואו יעדער האט געקענט עפענען א גרופע אויף טעקסט מעסידזש, און יעצט איז עס געווארן אפגעשלאסן.

די קאר סערוויס אין שטעטל האט פונקציאנירט אויף אזא סארט גרופע, וואו דער דיספעטשער פלעגט ארויסשיקן א מעסידזש פאר אלע דרייווערס ווער עס וויל אננעמען א טריפ, און דער דרייווער וואס איז געווען אוועילעבל האט צוריקגעשריבן אז ער קען עס נעמען.

גלייך ווען די פירמע האט געמאלדן אז זיי פלאנען זיך צו פארמאכן, האט דער חבר הנהלה מו"ה משה ראזענבערג הי"ו אנגעהויבן ארבעטן אויף אן אייגענע טעקסט גרופע,

כדי די קאר סערוויס זאל נישט קומען צו קיין אפהאלט. כאטש די נייע סיסטעם איז שוין געווען גרייט אין צייט, איז אבער דא א פראצעדור אז ווער עס וויל שיקן מעסידזשעס פון א פלאטפארמע מוז אריינגעבן אן אפליקאציע צו מעגן שיקן מעסידזשעס, וואס דאס איז איינגעפירט געווארן כדי צו פארמיידן ספאם מעסיזדשעס.

כאטש מען האט געהאפט אז עס זאל זיין גרייט אין צייט, האבן זיי אבער אפגעשלאגן די אפליקאציע און מען האט עס געדארפט נאכאמאל אריינגעבן.

ניישלאק

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

חברי הנהלה

## פרשת נצו"י
## כ"ג אלול

הדלקת הנרות .. 07:08
מוצאי שבת ...... 08:37

**מנחה**
**מעריב**

ראש השנה
08:17

**באנים לשבת קודש**



**ריזיגע קאלעקציע פון נייע שיך, ביי די באזאר.**

ביים שרייבן די שורות האט מען נאכנישט ערהאלטן קיין ענטפער פון זיי, און מיר בעטן אנטשולדיגונג פון אלע וואס האבן נישט געקענט באקומען קיין קאר סערוויס.

כאטש מען האט פרובירט פארשידענע וועגן עס צו מאכן ארבעטן פראוויזאריש, האבן אסאך דאך נישט געקענט באקומען קיין קאר סערוויס אין צייט.

עס איז טאקע וויכטיג ארויסצוברענגען אז די קאר סערוויס איז נישט קיין ביזנעס; פונקט פארקערט, יעדע מאל וואס איינער נעמט א טריפ קאסט עס געלט פאר די קהילה. יעצט מיט די נייע סיסטעם וועט עס קאסטן געלט פאר יעדע מעסידזש וואס מען שיקט ארויס.

אמאל מאכט זיך אז מען קען נישט צושטעלן די בעסטע וועג, אדער מען דארף נעמען צוויי טריפס אויפאמאל וואס איז נישט שטענדיג אזוי געשמאק, דארף מען פארשטיין אז די קהילה פארדינט נישט דערפון; מען פרובירט נאר צו מאכן בעסער, אבער עס איז נישט שטענדיג שייך.

ווי אויך ווילן מיר בעטן, יעצט ווען עס קומט די נסיעה קיין אומאן און עס פעלן זיך אויס מער דרייווערס בשעת די מענער זענען נישט דא, אז אויב איינער האט די מעגליכקייט צו נעמען טריפס (אפילו אויב א גאנץ יאר קען מען נישט), זאל מען זיך מעלדן צו מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו אדער מו"ה משה ראזענבערג הי"ו.

דאס וועט זיין א געוואלדיגע הילף פאר די פרויען צו קענען קומען און גיין פון איין פלאץ צום צווייטן.

**נייעס'לעך**

# היכל הקודש נייעס



## הכרת הטוב מסיבה פאר די נדבנים פון קרן הדפסה

פארגאנגענעם זונטאג פרשת כי תבוא לאומאן איז פארגעקומען א הערליכע הכרת הטוב מסיבה דורך די הנהלה פון קרן הדפסה, לכבוד די נדבנים וואס האבן געהאט די זכיה צו קויפן דעם זכות פון "פרנס השנה", דורך געבן א נדבה פון צען טויזנט דאלער אדער מער פארן יאר.

די מסיבה איז פארגעקומען אינעם בנין פון קרן הדפסה, וואו די נדבנים האבן געהאט די געלעגנהייט צו זען פון דער נאנט די ריזיגע אפעראציע וואס קומט פאר טאג-טעגליך – וויאזוי הונדערטער ספרים, קונטרסים, בלעטלעך, גליונות, USB'ס און נאך פילע זאכן ווערן פראדוצירט און צוגעגרייט צו ווערן פארשפרייט פאר אידישע קינדער.

די נדבנים האבן זיך געוואשן צו א רייכע סעודה, און דער ראש ישיבה שליט"א האט ווארעם און געשמאק פארברענגט עטליכע שעה מיט די נדבנים. מען האט געשמועסט איבער פארשידענע ענינים העומדים על הפרק, און די באטייליגטע האבן שטארק הנאה געהאט און ארויסגענומען אסאך עצות, חיזוק און הדרכה לעובדה ולמעשה.

נאך די סעודה האט דער ראש ישיבה שליט"א ארומגעפירט די נדבנים אויף א דורכדרינגליכע טור איבערן גאנצן בנין. ער האט זיי געוויזן די פארשידענע מאשינען און אפטיילונגען, און מסביר געווען וואס עס קומט פאר אין יעדן איינציגן פלאץ.

ווען מען איז אנגעקומען צו די "פאוער סקווער" מאשין, איז געווען אנגעגרייט דער "לוח תשפ"ז" וואס ווערט יעצט געדרוקט. יעדער נדבן האט געהאט די זעלטענע געלעגנהייט אליין אריינצולייגן א פעקל בלעטער אינעם מאשין מיטצוהאלטן ווי עס ווערט געדרוקט.

דערנאך האט מען געזען די פארשידענע ריזיגע מאשינען, ווי די פרינטערס, קאטערס, USB מאשינען, סטעיפלערס, און אלע אנדערע מאשינען וואס זענען נויטיג צו קענען פראדוצירן אזא גרויסן פארנעם פון ספרי קודש.

דער ראש ישיבה האט אויך געוויזן די פארשידענע אפיסעס און דעפארטמענטס וואס געפינען זיך אינעם בנין, און מסביר געווען וואס יעדער אפטיילונג טוט.

צווישן אנדערע האט מען געזען "מכון עצתו אמונה", געפירט דורך הרב יואל שניצלער שליט"א; דעם אפיס פון "קול ברסלב", אנגעפירט ביי מו"ה משה עקשטיין הי"ו; דעם אפיס פון "גליון אשר בנחל", געפירט דורך הרב מרדכי אינדיג שליט"א; דעם סעקרעטערי אפיס, וואו מו"ה יוסף יאקאבאוויטש הי"ו זיצט; די גרעפיקס דעפארטמענט, געפירט דורך מרת ראטענבערג; און דעם ארויסגעבער פון די ענגלישע "עצתו אמונה" - "Light of Emunah", מרת מענדלאוויטש.

אויך האט מען באזוכט די אפיסעס פונעם "בלעטל" מאגאזין, וואו מו"ה ישראל העסקל הי"ו און מו"ה בערל שניצלער הי"ו ארבעטן שווער יעדע וואך; דעם הויפט אפיס פון קרן הדפסה, געפירט דורכן געטרייען מנהל מו"ה אשר יעקב בלום הי"ו; דעם פאנדרעיזינג אפיס, מיט מו"ה לייב ראטה הי"ו; און דעם מוזיק סטודיא, וואו מו"ה אברהם צוויבל הי"ו און מו"ה סענדר ראטה הי"ו ארבעטן אויף נייע מוזיק אלבומס.

א באזונדערע איינדרוק האט געמאכט דער ריזיגער סטארעדזש, וואס ווערט געפירט דורך מו"ה נחמן נתן בוים הי"ו.

גרשון קרעמער

דער ראש ישיבה האט דארט אנגעוויזן אויף דעם גרויסן פארנעם פונעם הפצה-אפאראט, און מסביר געווען אז טאג-טעגליך קומען אהין מפיצים, וועלכע פאקן זיך איין די הייליגע ספרים און קונטרסים וואס זיי דארפן, און פארשפרייטן זיי איבער די לענג און די ברייט פון ניו יארק סטעיט און די ארומיגע געגנטער.

איינע פון די גאר שטארקע נקודות וואס דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט ביים מסיבה, איז געווען די געוואלדיגע זכות וואס די נדבנים האבן מיט זייער שטיצע פארן "קרן הדפסה". דער ראש ישיבה האט געזאגט אז געבן פארן קרן הדפסה איז איינע פון די בעסטע אינוועסטמענטס וואס א איד קען מאכן. מען קען זיך דאס פארשטעלן ווי איינער וואס קויפט זיך א "שעיר" אין א קאמפאני – יעדער איד וואס קומט צוריק צום אייבערשטן, יעדער מענטש וואס באקומט חיזוק, און יעדע נשמה וואס ווערט דערנענטערט צום באשעפער דורך די ספרים און קונטרסים – האט דער נדבן א חלק דערין. דא איז די "קאמפאני" די הפצה פון אמונה, און דער שכר איז אן א שיעור.

אזוי אויך האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט, אז שטיצן דעם קרן הדפסה איז א גאר פאסיגע הכנה זיך צו גרייטן פארן פארן קיין אומאן. ווען מען וועט קומען צום רבי'ן, וועט מען קענען זאגן: "רבי, איך טו פאר אידישע קינדער; איך העלף אז אידן זאלן וויסן אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט."

דאס איז טאקע דער ציל פון די גאנצע ארבעט אין קרן הדפסה – עס איז נישט סתם א פרינטינג און דיסטריביושן צענטער, נאר א פאבריק וואס פארקויפט עצות און חיזוק וואס זענען בכח אנצוצינדן אידישע הערצער און אריינברענגען אמונה און חיזוק אין עבודת השם.

א ספעציעלע דאנק קומט זיך פאר מו"ה לייב ראטה הי"ו, דער גבאי פון קרן הדפסה, פארן זיך אפגעבן מיט'ן ארגאנזשירן די שיינע "הכרת הטוב" מסיבה און פארן איבערגעבן דעם באריכט.

די הערליכע מסיבה האט געגעבן פאר די נדבנים א נייעם בליק אויף דעם גרויסן פארנעם פון דער ארבעט וואס קומט פאר טאג-טעגליך, און האט זיכער מחזק געווען יעדן איינעם צו ממשיך זיין אלס שותף אין דער גרויסער הפצה-מלאכה – צו פארשפרייטן אמונה און חיזוק פאר אידישע קינדער.

**ע"י הפצה ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו**

## שיינע פראקטישע ברסלב'ער לוח תשפ"ז שוין דא צו באקומען

אין די יעצטיגע טעג האט מען געענדיגט די ארבעט אין די אפיסעס פונעם קרן הדפסה צו צוגרייטן און מסדר זיין דעם פאפולערן לוח ברסלב וואס ערשיינט יערליך, פארן נייעם יאר וואס קומט צו גיין. עס קומט זיך א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר זיי, בפרט פאר מו"ה אברהם פיש הי"ו וואס לייגט אריין אסאך צייט, מח און כח מסדר צו זיין א הערליכע און פונקטליכע לוח, בעסער און שענער ווי ביז יעצט.

טעגליכע לימודים: דער לוח פארמאגט די שיעורים פון די קהילה אין גמרא בבלי, ירושלמי, תוספתא, נ"ך און רמב"ם. לויטן פארלאנג פונעם ראש ישיבה האט מען מסדר געווען אז דער נ"ך שיעור זאל האבן נאר איין פרק א טאג, כדי עס זאל לויפן אינאיינעם מיט דעם סדר פון הרה"צ ר' יצחק שליט"א.

טעגליכע זמנים: דורך א נייע קאסטבארע פראגראם האט מען ב"ה צוגעשטעלט פונקטליכע זמנים פאר יעדן טאג. עס ענטהאלט די טעגליכע זמנים פאר ברוקלין: עלות השחר, נץ החמה, קריאת שמע לויט מגן אברהם און גר"א, זמן תפילה לויט מגן אברהם און גר"א, שקיעה, און צאת הכוכבים לשיטת רבנו תם. אזוי אויך זענען דא די זמנים פון הדלקת הנרות און מוצאי שבת קודש פאר יעדע וואך.

אויפן פארלאנג פונעם עולם האט מען צוגעלייגט אין די אונטערשטע חלק טבלאות מיט זמנים פון נאך עטליכע שטעט וואו אנ"ש וואוינען, כדי עס זאל זיין א דבר השלם.

אונטער יעדע וואך פארמאגט עס א שיינעם שטיקל פון ספר המדות וואס האט א שייכות מיט די זמנים פונעם יאר, און אין די זייט זענען געדרוקט שיינע מאמרים וואס מוהרא"ש ז"ע האט געשריבן פארן לוח וואס ער פלעגט ארויסגעבן יערליך.

פאר פילע טעג ווערן אויסגערעכנט די יארצייטן און פארשידענע אנדערע מאורעות וואס זענען נוגע פאר אנשי שלומינו.

דער לוח איז צו באקומען אינעם קרן הדפסה און ביי די מפיצים אין צוויי ווערסיעס: אידיש און לשון הקודש. אויך קען מען עס באקומען אין האשקי שול אין שטעטל ביים הפצה ווינקל.

# אלץ און אלעמען

פראגעס און ענטפערס איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

alemen@bletelmagazine.com – 845-445-7447



## סעלצער

**שאלה**

א גוטן, מיין נאמען איז אברהם שמחה.
איך וואלט אייך געוואלט פרעגן וואס איז סעלצער און וויאזוי ווערט עס געמאכט?
א גרויסן יישר כח.

**ענטפער**

וואס איז סעלצער? ווען און וויאזוי איז מען אויפגעקומען דערמיט? און פון וואו קומט דער נאמען "סעלצער"?

דער ענטפער איז אזוי: עס זענען דא קוועלער וואו דאס וואסער קומט ארויס נאטירליך פון דער ערד שוין מיט מינעראלן און קארבאן-דיאקסייד גאז. אין אייראפע זענען אזעלכע קוועלער שוין באקאנט פאר לאנגע יארן, און עס איז געווען שטארק אנגענומען אז יענע וואסער איז ספעציעל געזונט; דערפאר פלעגן פירמעס אנשעפן דאס וואסער פון די קוועלער און עס פארקויפן אין גלאזענע, הערמעטיש-פארמאכטע פלעשער אפילו צו גאר ווייטע פלעצער.

אין א קליין שטעטל אין דייטשלאנד מיט'ן נאמען "סעלטערס" (Selters), האט זיך געפונען אזא קוואל וואס איז געווען גאר בארימט מיט איר געשמאקע מינעראל-וואסער. דאס וואסער פון יענעם קוואל פלעגט פארקויפט ווערן אלס "סעלטערס וואסער", וואס האט פשוט געמיינט "וואסער פון סעלטערס". מיט די צייט האבן מענטשן אנגעהויבן רופן אלע אזעלכע וואסער-פלעשער "סעלטערס", און פון דעם שטאמט דער נאמען סעלצער.

אבער דאס טראנספארטירן נאטורליכע קארבאנירטע וואסער איז נישט געווען אזוי פשוט און ביליג, און בשעת דער פארלאנג דערויף איז כסדר געשטיגן, זענען סוחרים אויפגעקומען מיט א געדאנק צו מאכן קונסטליכע "סעלצער".

וויאזוי האט מען עס געמאכט? מען האט אפגעקילט פשוטע קוואל-וואסער און אריינגעצוואונגען דערין מיט כח קארבאן גאז, וואס האט געגעבן א טעם גאנץ ענליך צום נאטורליכן קוואל-וואסער. אזוי ווי עס האט זיך גוט פארקויפט און מענטשן האבן עס געקויפט פאר גוט געלט, זענען געקומען פירמעס און אנגעהויבן אריינלייגן טעמים און קאלירן עס צו מאכן נאך בעסער (אדער ערגער - אויב מען רעדט מצד געזונט...) און מער ציענדיג פאר די קונים.

אזוי האט דער אייבערשטער געפירט אז עס איז געבוירן געווארן דאס באקאנטע פלעשל "סעלצער" און "סאדע", וואס ווערט היינט פארקויפט דורך פילע פירמעס מיט גוטע הכשרים. אויב מען מאכט אן ערליכע ברכה פארן טרינקען און מען דאנקט דעם אייבערשטן פאר דעם און נאכדעם, קען מען דינען דעם אייבערשטן מיט טרינקען סאדע.

יעדע זאך וואס א מענטש טוט קען ער אויפהייבן צו עבודת ה'; מען עסט ווי דער אייבערשטער הייסט, מען שלאפט מיט יראת שמים, מען גרייט אן נעגל-וואסער, מען לייגט קריאת שמע, מען קושט די מזוזה און מען בעט דעם אייבערשטן ער זאל אונז היטן.

א גרויסן יישר כח אברהם שמחה פאר דיין שיינע שאלה.

ALPHAITIS.COM

# ברכת מזל טוב

פון טיפן הארצן טוען מיר וואנטשן א הערצליכן
מזל טוב פאר אונזערע טייערע חבר

מו"ה

## יואל מענדלאוויטש

הי"ו

## וזגתו תחי'

וואס מיט זיין ווארעמע הארץ שטיצט ער די
מלמדים קאמפיין מיט א ברייטע האנט און איז
שטענדיג גרייט צו יעדער דבר שבקדושה פון די
גאנצע קהילה,

לרגל

## הולדת בנו למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט אים מגדל
זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים און דו זאלסט
זען נחת ביי אלע דיינע קינדער געזונטערהייט.

וואנטשט,

**הרב אברהם משה שטראססער**

*בשם די מלמדים קאמפיין*




ALPHAITIS.COM
דעם רבינ'ס זאַך
אשריכם אנשי שלומינו! דעם פארגאנגענעם יאר האבן 568 מענטשן זיך אנגעשלאסן אינעם קרן הדפסה און קומען צום רבי'ן מיט פולע טאשן!
דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר!
קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם





# אויף די וועג צום הייליגן רבי'ן

מיט גרויס פרייד פון איין זייט און מיט א ציטער פון די צווייטע זייט, גרייטן מיר זיך צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, וואס האט געזאגט אז "ראש השנה שלי עולה על הכל" – זיין ביי מיר אויף ראש השנה איז גרעסער פון אלעס, און ער וועט זען אז מען ווערט אפגעשריבן מיט א גוטע זיסע יאר.

צוליב דעם זעט מען אז אידן פון די גאנצע וועלט הייבן זיך אויף און פארן צום רבי'ן, נישט קוקענדיג ווי שווער עס קומט און, בפרט די לעצטע פאר יאר ווען עס איז א מלחמה צייט, און עס איז געווארן אסאך שווערער צו פארן, דאך שטעלט מען זיך נישט אפ פון קומען צום רבי'ן, מען קוקט נישט אויף גארנישט, נאר מען פאקט איין א רענצל און מען פארט.

אבער צווישן אלע וועגן וויאזוי אנשי שלומינו זענען געפארן צום רבי'ן דעם פארגאנגענעם יאר, שטארט ארויס די גאר דראמאטישע וועג פון די אינגעלייט וואס זענען געשטאנען ביים גרעניץ פאר צען שעה אין א ציה, אן קיין מעגליכקייט זיך צו רירן רעכטס אדער לינקס, ביז עס האט ממש דערגרייכט צו א מצב פון סכנת נפשות רחמנא לצלן.

איינער פון די אינגעלייט וואס האבן דאס אדורכגעמאכט איז האברך מו"ה יושע איינהארן הי"ו.

מיר האבן זיך אראפגעזעצט מיט אים צו הערן פון אים די מעשה: וויאזוי די נסיעה האט אויסגעזען, וואס די אינגעלייט פון היכל הקודש האבן געטון אין די שווערע שעות, און וויאזוי עס האט זיך צום סוף געענדיגט.

---

## א גוטן ר' יושע! פארציילט אונז וועגן די נסיעה פאריאר אויפן וועג צוריק פון אומאן.

איך וועל אייך זאגן דעם אמת, ס'איז טאקע נישט געווען אזוי גרינג, אבער פון די אנדערע זייט גלייך איך אזעלכע סארט מצבים. איך וועל דיר איבערזאגן וואס מיין טאטע, מו"ה שאול חיים הי"ו, זאגט: ער פארט שוין ב"ה קיין אומאן פאר דרייסיג יאר, און ער טענה'ט אז אויב מען נעמט צוזאם אלע מניעות און שוועריגקייטן וואס ער האט געהאט אין לויף פון די אלע דרייסיג יאר צוזאמען, קומט עס נאך אלץ נישט צו צו דעם איינעם נסיעה פון פאריאר.



לאמיר גיין צו די עצם מעשה. מיר וועלן רעדן פונעם וועג צוריק פון אומאן קיין ניו יארק.

די חבורה מיט וועמען איך האב געדארפט פארן איז געווען "MC Tours". דער אנפירער, מו"ה מנשה איצקאוויטש הי"ו, האט מסדר געווען א גרופע פון בערך זעכציג מענטשן.

מ'האט באשטעלט די באסעס זאלן שטיין ביים בנין בערך פופציג מינוט פארן זמן, ווען דער זמן איז געווען בערך 8:05. די פלאן פארן וועג אהיים איז געווען צו צוטיילן די חבורה: האלב זענען געפארן מיט א באס, און די איבעריגע האלב מיט ווענס - סך הכל פינף ווענס און איין באס.

איך בין געפארן אויפן באס צוזאמען מיט ר' מנשה דער אנפירער. ווען עס איז געקומען ביים זמן האב איך שוין געזען עטליכע ווענס שטיין גרייט, ארייגערעכנט אונזערע ווענס פון די חבורה. אבער מיט די צייט האבן די מענטשן וואס האבן געדארפט פארן מיטן באס אנגעהויבן פרעגן: "וואו איז די באס?" - דער באס איז פשוט נישט געווען דא.

מיר זענען געגאנגען פרעגן די אנפירער פון נסיעה טרעוועל וואס זיי האבן אונז באשטעלט די טראנספארטאציע צו פרעגן וואס דא גייט פאר.

נאכן אריינרופן זיך נאכצופרעגן, האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער באס האט גענומען א נישט ריכטיגע דריי אריין אין די פושקינא געגנט, און איר ווייסט דאך וויאזוי עס ארבעט דארט מיט די טשעק-פוינטס... צוליב דעם איז דער באס געווארן פארשפעטיגט מיט גאנצע דריי שעה. אנשטאט ארויסצופארן 8:40 ווי געפלאנט, זענען מיר למעשה ערשט ארויסגעפארן 11:30.

דא האבן מיר שוין פארשטאנען אז מיר האבן א פראבלעם אנצוקומען אין צייט צום באדרער. אפילו אויב מיר וואלטן ארויסגעפארן אין צייט, וואלט עס געווען א שטיקל ריזיקע, אבער מיר האבן געהאט בערך 20 שעה ביזן פלייט, סאו עס וואלט געדארפט גיין כשורה. אבער מיט די דריי שעה שפעט, איז די צייט געווארן אסאך מער געדריקט.

אינמיטן האבן מיר געהאט א פלאן צו שיקן פאליציי זאלן באגלייטן דעם באס ארויס פון פושקינא צו אונזער בילדינג, האפענדיג אז דאס וועט עס שנעלער מאכן, אבער דאס האט זיך נישט אויסגעארבעט.

נאכדעם האבן מיר געטראכט אפשר צו פארן מיט די נסיעה חברה אויפ'ן באן, און פון דארט שנעל פליען צום עירפארט צו כאפן דעם פליגער. ביז מיר האבן געענדיגט וועבן אלע פלענער, איז דער באס שוין אנגעקומען, און מיר זענען געבליבן ביים באשלוס צו פארן מיטן באס.

אזוי זענען מיר געפארן דעם לאנגן וועג פון בערך צען שעה ביזן אוקראינישן גרעניץ.

ווען מיר זענען אנגעקומען צום באדרער, האט אויסגעזען ווי די גאנצע זאך גייט נעמען בערך 45 מינוט. מיר זענען אראפ פונעם באס, ווייל מיר האבן געהאלטן אז עס וועט זיין שנעלער אריבערצוגיין דעם גרעניץ צופוס, און אויף די אנדערע זייט וועט אונז ווארטן א צווייטער באס ווייטער צו פארן.

מיר האבן אנגעהויבן שטיין אין די שורה. 45 מינוט זענען אדורך, און אלעס איז געפארן פיין; מיר זענען אריין צום אוקראינישן זייט און באקומען דעם סטעמפ אויפן פאספארט. עס האט אויסגעזען ווי אלעס גייט ב"ה גלאטיג.

נאכן אוקראינישן באדרער דארף מען גיין א שטיק וועג צופוס פון בערך א מינוט מיט א האלב, וואו מען זעט גארנישט נאר וועלדער. מיר האבן געמיינט אז אט-אט זענען מיר אינדרויסן.

אבער פלוצלינג זענען מיר אנגעקומען צו אן אפשטעל.

לאמיר אייך פרובירן אראפצומאלן וויאזוי דאס פלאץ האט אויסגעזען: עס איז געווען א ברייטע שטח מיט א שורה אינמיטן, און פון ביידע זייטן הויכע געיטס מיט שטעכיגע דראטן. די ברייטקייט איז געווען בערך ווי אלע פיר טירן פון די גרויסע שול אין האשקי, בערך צוואנציג מענטשן האבן געקענט שטיין רואיג אין די ברייט.

די ליין איז טאקע געווען בערך צוואנציג מענטשן אין די ברייט, שטארק געשטופט, און די שורה איז געווען פיל מיט מענטשן ביז וואו דאס אויג האט נאר געקענט זען. יעדער איז געשטאנען דארט מיט רענצלעך, מיט קינדער, אלעס אינדרויסן אונטערן פרייען הימל.

**וואס איז טאקע געווען די סיבה פארוואס איר זענט נישט געבליבן אויפן זעלבן באס ער זאל אריינפארן ווייטער אריבער דעם גרעניץ?**

די ערשטע סיבה איז געווען ווייל מיר האבן געמיינט אז צופוס וועט עס גיין שנעלער. די צווייטע סיבה איז, אז צוליב די מלחמה קענען די אוקראינישע דרייווערס נישט אריינגיין קיין פוילן.

**דאס איז אינטערעסאנט וואס איר זאגט וועגן די דרייווערס, ווייל די ווענס זענען יא אריינגעפארן.**

ריכטיג, ווענס איז אן אנדערע מעשה, באסעס האבן אנדערע געזעצן.

**עס זענען דאך דא אסאך מענטשן וואס פארן יא אריין מיט באסעס, יעדע יאר פארט מען מיט באסעס.**

ביי דעם גרעניץ וואו איך בין געשטאנען, איז נישט געווען קיין איין באס וואס איז אריינגעפארן. איך ווייס נישט צי זיי האבן געטוישט די געזעץ, אבער למעשה האבן זיי דעמאלט נישט דורכגעלאזט קיין באסעס.

צוריק צו אונזער מעשה: מיר האבן זיך געטראפן שטיין, און נאכאמאל שטיין, און ווייטער שטיין. עס איז געווען בערך ניין אזייגער אינדערפרי. וואס טראכט א איד אין אזא מצב? מ'דארף דאווענען שחרית. מיר האבן געמיינט אז מיר וועלן דאווענען א רואיגע שחרית, און ביז מיר וועלן אויסטון די

תפילין וועלן מיר שוין האלטן פיל ווייטער אין די שורה.

מיין ברודער מו"ה יודל איינהארן הי"ו האט צאמגעשטעלט א מנין, און דער עולם האט זיך פיין צוגעשטעלט. מיר ענדיגן דאווענען, אבער גארנישט האט זיך נישט גערירט; מיר זענען נאך אלץ געשטאנען אויפן זעלבן פלאץ. עס האט זיך נישט גערוקט אפילו קיין סענטימעטער.

מיר שטייען דארט נאך א שעה, און נאך א שעה, און נאך א האלבער שעה. מיר קוקן אויפן זייגער און זעען אז מיר שטייען שוין דארט אויף די פיס פאר גאנצע פיר שעה!

ביים אנהייב האט מען עס נאכנישט אזוי שטארק געפילט, אבער איינמאל עס איז אריבער פינף שעה, איז שוין געווארן אן עכטע איבערקערעניש.

פרוביר זיך אביסל פארצושטעלן דעם מצב: מאסן מענטשן שטייען געשטופט, און עס איז נישטא קיין פוס פלאץ וואו מען קען זיך ריקן. אלעס איז געווען געשטאפט, יעדער האט געוואלט זיין דער ערשטער און יעדער האט זיך איינגערעדט אז ער גייט נאך כאפן זיין פליגער.

יעדע מינוט זענען צוגעקומען פרישע מענטשן שרייענדיג: "מיין פליגער פארט אין א האלבע שעה, לאזט מיך אדורך!" אבער היות יעדער איז געווען אינעם זעלבן מצב, האט קיינער נישט געלאזט קיינעם דורכגיין.

## וואס איז טאקע געווען די סיבה פארוואס די ליין האט זיך נישט גערירט?

קודם כל, ווייל אזוי האט דער אייבערשטער אונז אפגעשריבן אז מיר דארפן דאס מיטמאכן.

די מעשה איז געווען ווייל זיי האבן נאר איינגעלאזט דריי מענטשן אויפאמאל. ווען מען האט א ליין פון צוואנציג מענטשן ברייט און צוויי הונדערט אין די לענג, און יעדער פרובירט זיך אריינצוקוועטשן אין איין קליין לעכעל, ווערט א געפערליכע פראבלעם.

אבער דאס איז נאך געווען א האלבע צרה; די עכטע פראבלעם איז געווען אינעווייניג אינעם בנין, וואו נאר צוויי ארבעטער האבן געדינט טויזנטער מענטשן, במילא נעמט עס זייער לאנג.

אזוי שטייען מיר דארט צוקוועטשט, די פיס טוען שוין וויי, עס איז נישטא קיין עסן אדער טרינקען, און אפילו נישט קיין בית הכסא. פון די אנדערע זייט זענען דארט געשטאנען טאטעס, זיידעס און קינדער וואס האבן געווארט אויף א ישועה.

דער אייבערשטער האט געמאכט ניסים אז די וועטער איז געווען שיין; עס האט געקענט רעגענען אדער זיין קאלט, אבער ברוך השם עס איז געווען א זוניגער טאג, איז כאטש די וועטער געווען געשמאק.

מיר האבן א גאנצע צייט געוויסט אז די איינציגסטע עצה אין אזא מצב איז תפילה, נאר דער אייבערשטער קען אונז העלפן. און דאס האבן מיר טאקע געטון במשך די גאנצע צייט מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן זיך שוין ארויסזען פון דעם מצב וואס שנעלער, און מיר זאלן דאס איבערלעבן צוזאמען מיט די קינדער און אלע אנדערע אידן וואס ווארטן דארט.

עס איז געווען א געמישעניש פון אלע סארט אידן, צוזאמען מיט פוילישע גוים. ווען מען שטייט אזוי לאנג צוזאמען הייבן זיך אן אומאיינגענעמע פאסירונגען; מענטשן האבן זיך אנגעהויבן רייסן ביי די קעפ, עס איז געווען פחדים, מען האט געפילט אז יעדע מינוט קען מען כאפן א שטויס אדער א קלאפ. די קינדער האבן געוויינט פאר שרעק.

אינמיטן דריי איך מיר אויס און איך זע ווי איינער פון די אידן קריכן ארויף אויף א געיט וואס איז הויך ארום צוואנציג פיס. ער איז ארויפגעקראכן מיט די הענט און פיס און פשוט געשפרינגען אויף מענטשן ארויף, נאר ווייל ער איז געווען אויפגערעגט. איך צווישן די פוילישע גוים זענען פארגעקומען שלעגערייען, מען האט זיך געקריגט איינער מיט'ן צווייטן, אבער ברוך השם שלא עשני גוי. איך קען דיר פארציילן נאך אסאך אזעלכע מעשיות וואס האבן דארט פאסירט.

למשל, א מאן מיט א פרוי זענען אנגעקומען מיט א קינד אין א וועגעלע און אפגעמאכט אז זיי גייען יעצט דורכגיין ווייל זיי האבן א בעיבי. זיי האבן אנגעהויבן שטופן דעם עולם און געשריגן: "בעיבי, בעיבי, לאזט דורך!" למעשה איז די קערידזש געבליבן ביי איין עק, די בעיבי ביי א צווייטן עק, די פרוי ערגעץ אנדערש און דער מאן אינגאנצן אינדרויסן... עס איז געווען א בהלה דארט.

מיר שטייען אזוי און גארנישט רירט זיך נישט. איך האב באמערקט אז כאטש אונזער גרופע איז אנגעקומען פון די ערשטע, זענען דא מענטשן וואס זענען אנגעקומען א שעה נאך מיר און האלטן שוין א שעה ווייטער אין די ליין.

מיר זענען געבליבן שטעקן אינמיטן די שורה - איך מיט מיין ברודער יודל, מו"ה רפאל פורסט הי"ו, און מו"ה מעכל ראזענפעלד הי"ו.

אינמיטן דריי איך מיר אויס און איך זע ווי איינער פון די אידן קריכן ארויף אויף א געיט וואס איז הויך ארום צוואנציג פיס. ער איז ארויפגעקראכן מיט די הענט און פיס און פשוט געשפרינגען אויף מענטשן ארויף, נאר ווייל ער איז געווען אויפגערעגט.

נאך א גרויסער נס וואס דער אייבערשטער האט געמאכט איז געווען אז פונקט פאר מיר איז געשטאנען א ברסלב'ער חסיד, ממש ארויס פון די וועלט. ער האט געהאט א גיטאר און געשפילט פאר ניין שעה נאכאנאנד. ער האט געהאלטן אין איין זינגען און געמאכט די שטימונג אביסל געשמאקער.

סך הכל, וויפיל שעה זענט איר דארט געשטאנען?

גאנצע צען שעה זענען מיר געשטאנען אויף די פיס. איך וויל ענק פארציילן פון די לעצטע שעה, וואס דאס איז געווען די שווערסטע חלק. ווען איך טראכט צוריק, האט מיך דאס שטיין צען שעה נישט אזוי געבאדערט. אבער די לעצטע האלבע שעה פון נישט וויסן צי מען גייט ארויס פון דארט לעבעדיגערהייט, דאס איז געווען דאס שווערסטע חלק פון די גאנצע פרשה.

ביים סוף האט זיך יעדער געשטופט ארויסצוגיין, מענטשן האבן נישט געקענט אטעמען, עס איז געווען שרעקליך שווער.

מען האט אפגעמאכט אז מען מוז קודם ראטעווען די קינדער זיי זאלן ארויס לעבעדיג. מיר האבן באשלאסן צו מאכן אן אקציע: מען הייבט אויף אלע קינדער און מען גיט זיי איבער פאר די גארדס אז זיי זאלן זיין פארזיכערט, און נאכדעם וועלן מיר זען וואס מיר טוען מיט זיך.

מען האט אנגעהויבן שלעפן די קינדער, יעדער האט געארבעט שווער, און ברוך השם מען האט מצליח געווען ארויסצונעמען אלע קינדער.

עס איז געווען גאר הייס, עטליכע מענטשן האבן גע'חלש'ט, אבער זיי האבן אפילו נישט געקענט פאלן ווייל מען איז געווען אזוי צוקוועטשט אז מען איז פשוט געבליבן שטיין גראד אפילו ווען מען איז געווען באוואוסטלאז. ביז מען האט געברענגט וואסער; איין באטל וואסער איז ארומגעפארן צווישן יעדעם, יעדער האט רחמנות געהאט אויף זיין חבר און מען האט זיך פרובירט צו העלפן איינער דעם אנדערן.

די דרוק איז געווען אזוי גרויס אז איך האב געפילט ווי מיין נשמה גייט אויס. איך האב געזען אז עס איז נישטא קיין תכלית און עס זעט אויס ווי איך קום נישט ארויס פון דא לעבעדיג. האב איך באשלאסן אז איך דארף נישט קיין רענצל און גארנישט, נאר מען זאל מיך ארויסלאזן.

איך האב אנגעהויבן קריכן איבער די רענצלעך ביז צו די געיטס און געוויזן פאר'ן גארד: "איך קען שוין נישט, לאז מיך



"ארויס!" אלע אידן האבן מיטגעשריגן "לאז אים ארויס!", אבער דער גארד האט געקוקט מיט רשעות און געשריגן "גאו דאון!", כאילו גארנישט האט פאסירט. איך האב נישט געהאט קיין ברירה.

די פראבלעם איז געווען אז איינמאל מען האט מיך אויפגעהויבן, האב איך שוין נישט געקענט צוריקגיין צו מיין פלאץ אין די ליין ווייל יעדעס ביסל פלאץ איז געווען אנגעפילט.

למעשה האב איך זיך צוריק אריינגעקוועטשט. ביסלעכווייז זענען מענטשן ארויס, און עס איז געווען א גאנצע פרשה ארויסצושלאפן די רענצלעך פון דעם געדרענג, אבער מיט גרויסע ניסים האבן מיר עס דורכגעמאכט.

**די מינוט וואס דו ביסט ארויס, האסטו שוין מסתמא געוואוסט אז דעם פליגער וועסטו שוין נישט כאפן.**

לאמיך דיך זאגן: נאך אינמיטן שטיין אין די ליין האב איך פרובירט צו טראכטן מיט מו"ה אלי קנויל הי"ו וואס מען קען טון צו טרעפן א וועג אהיים. דער פליגער איז געווען געפלאנט פאר 2:30, וואס דאס איז שוין נישט געווען רעאליסטיש. מיר האבן אנגעהויבן זוכן פרישע טיקעטס און געפונען א פליגער פון ווארשע 7:25 אוונט, וואס דאס וואלט אונז געברענגט אהיים פאר שבת. ער האט מיר געזאגט אז אויב איך בין נישט אינדרויסן ביז א שעה, האב איך נישט קיין טשאנס צו כאפן דעם פליגער פון ווארשע.

איך קוק מיך אזוי ארום, און איך זע אז עס זעט בכלל נישט אויס ווי איך גיי דא ארויס אין די נאנטע פאר שעה, סאו דאס כאפן די פליגער איז שוין אראפ פון טיש. מ'האט נישט געוואוסט וואס דא וועט זיין.

צום סוף איז אריינגעקומען די אפציע צו פארן מיט די טשארטער פון "Plan It Rite", די פרייז דערפאר איז געווען $1,350, און מ'האט עס געדארפט באצאלן אויפן פלאץ. די פליגער איז געווען אויף יענע נאכט. איך קוק מיך ארום און איך פאנג אן פרעגן דעם עולם: "נו, וואס וויל דער עולם טון? זענט איר גרייט צו צאלן דעם פרייז פאר א פרישע טיקעט?" ס'זענען דארט געווען מענטשן מיט צוויי קינדער, דריי קינדער; עס איז אסאך געלט זיך צו קענען צאמקראצן אזוי פון איין מינוט אויפן צווייטן.

למעשה האט זיך קיינער נישט אנגערופן. צען מינוט שפעטער האב איך נאכאמאל געפרעגט דעם עולם אויב זיי ווילן צאלן פאר א נייע טיקעט כדי צו האבן א וועג אהיימצוקומען פאר שבת. דא האט שוין רוב עולם זיך אנגערופן אז זיי ווילן. אזוי נאך צען מינוט שפעטער האט שוין יעדער געהאט באשטעלט די טיקעטס אויף די טשארטער. יעדער האט זיך שוין געוואלט זען אינדערהיים.

עטליכע טעג שפעטער, ווען איך האב געפרעגט די אינגעלייט אויב זיי האלטן אז דאס איז געווען א ריכטיגע שריט, האבן אלע געזאגט אז דאס איז געווען די קלוגסטע זאך צו טון.

די מעלה פון דעם טשארטער איז געווען אז עס איז געפארן דירעקט (סטרעיט) אן קיין סטאפ. ברוך השם אלעס איז געפארן כשורה, עס איז געווען א גאר געשמאקע רייזע, און די פליגער איז געווען היפש ליידיג. היות עס איז געווען א נאכט פלייט,





**דער חילוק צווישן די היכל הקודש אינגעלייט און אנדערע. עס איז געווען ממש הימל און ערד. עס איז געווען שווער פאר יעדן איינעם, אבער די רואיגקייט פון די היכל הקודש אינגעלייט איז געווען עפעס מורא'דיג. מ'האט די גאנצע צייט געזאגט אז עס וועט זיין גוט און דער אייבערשטער וועט העלפן.**

און יעדער איז ברוך השם פיין געקענט שלאפן.

די פליגער איז ארויסגעפארן פון ריישא, וואס איז אויך געווען נאך א מעלה. לכתחילה האבן מיר געדארפט פארן ביז קראקא, וואס איז בערך א דריי-שעה'דיגע נסיעה פון די גרעניץ, אבער פון דא איז עס געווען פיל שנעלער.

דער באס דרייווער וואס האט אויף אונז געווארט ביים אנדערן זייט גרעניץ, איז דארט געזעסן און געווארט אויף אונז פון 6:30 צופרי ביז 6:30 ביינאכט.

די טשארטער פלייט איז געווען 8:25. מיר זענען ארויס פון די בארדער 5:30. מיר האבן געהאט בלויז צוויי מיט א האלב שעה ביזן פליגער, און עס איז געווען א חסד השם אז זיי האבן געהאט א קליינע דילעי, וואס דאס האט פארגרינגערט צו קענען כאפן די פליגער.

שכח אייבערשטער אז מיר זענען אנגעקומען קיין ניו יארק בשעה טובה ומוצלחת אום איינס אזייגער דאנערשטאג פארנאכטס.

**אז איך פרעג דיך יעצט נאכן אריבערגיין אזא שווערע נסיעה, וואלסטו נאכאמאל געפארן קיין אומאן?**

אוודאי פארט מען! וואס איז בכלל די שאלה! יעדער איינער פרובירט זיך צו באווארענען; מ'טראכט אז איבער א יאר גיי איך עס מאכן אנדערש. יעדער טוט עפעס אנדערש ווי ער האט געטון א יאר פריער, ער האלט אז אויב ער וועט נעקסטע יאר טון אזוי, וועט אלעס זיין גוט. מ'דארף בעטן דעם אייבערשטן, וואס איז שייך זיך צו באווארענען?

**איך קען זאגן אז די וועג צוריק דאס יאר איז מיר געווען איינע פון די גרינגסטע וועגן. איך רעד זייט די מלחמה האט זיך אנגעהויבן, איז דאס יאר געווען פון די גרינגסטע. אפילו איך בין געפארן מיט א ווען פאר פופצן שעה און איך האב געווארט ביים גרעניץ א היפשע ווייל, זענען די צוויי פלייטס געווען היפש ליידיג, עס איז געפארן פונקטליך אין די צייט, און זיי זענען אנגעקומען דארט גאנץ פרי. עס איז געווען עפעס מורא'דיג גרינג.**

**פון די אנדערע זייט זענען געווען אנדערע מענטשן וואס האבן אפגעמאכט צו גיין מיט א באס. דאס זענען זאכן וואס זענען באשערט.**

מ'קען זיך גארנישט אויסרעכענען פון פריער. מ'דארף בעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל קענען פארן גרינג. די גאנצע וועג האט זיך נאך אלץ געלוינט, כדי צו קענען זיין אין אומאן ביים הייליגן רבי'ן.

נאך א זאך וואס האט זיך שטארק ארויסגעוויזן ביים בארדער איז דער חילוק צווישן די היכל הקודש אינגעלייט און די אנדערע. עס איז געווען ממש הימל און ערד. עס איז געווען שווער פאר יעדן איינעם, אבער די רואיגקייט פון די היכל הקודש אינגעלייט איז געווען עפעס מורא'דיג. מ'האט די גאנצע צייט געזאגט אז עס וועט זיין גוט און דער אייבערשטער וועט העלפן, און מ'בעט דעם אייבערשטן א גאנצן צייט. דאס איז עפעס אן אויסנאם אז נאך צען שעה זענען זיי בכלל נישט געווען אויפגערעגט.

מענטשן זענען געשטאנען צען שעה אויף איין פלאץ, און גארנישט - די גאנצע צייט ווייזט מען מיט די פינגער צום הימל: "דער אייבערשטער פירט, דער אייבערשטער פירט". עס איז געווען מורא'דיג צו צוקוקן. יא, עס האט זיך געלוינט דאס מיטצומאכן נאר כדי צו קענען זען אזא זאך.

דארט איז געווען איין גוי וואס איז געווען גאר שטארק אויפגערעגט. ער האט אנגעהויבן שרייען מיט די גאנצע כח: "Work! Work! Work!" אז ער מוז גיין צו די ארבעט. ער האט זיך אנגעהויבן רייסן, דורכגעבראכן די גאנצע שורה, און געווארפן חפצים. ער ווייסט גארנישט; ער קומט דא דאך יעדן טאג, ער גייט צו די ארבעט און עס נעמט אים צוויי מינוט אריבערצוגיין, און דא דארף ער שטיין צען שעה? "No way! לאזט מיך דורכגיין!"

**א גרויסן שכח יושע פארן איבערגעבן די גאנצע מעשה. מ'האט זיכער געפועלט אלעס גוטס די אלע מיטמאכענישן קומען זיכער צוניץ, און מיט תפילה וועט מען האבן א גרינגערע וועג ביי די קומענדיגע נסיעה.**

# פניניס

## ברעקעלעך שכל

שכח אייבערשטער מיר האבן זוכה געווען מיט צו האלטן א הערליכע שבת מיטן ראש ישיבה שליט"א אין ירושלים אין שטעטל גאס פרשת כי תבא לאומאן, עס איז שווער אראפצושרייבן אלע חידושים און שכל און עצות און לימודים וואס מיר האבן זיך געלערנט דורכאויס דעם שבת, אבער בעז"ה וועט מען פרובירן וויפיל מ'קען.

*

ביי די באטע וואס איז געווען קאמבינירט מיט די שמחת השלום זכר פון בן הנולד למוה"ר שבתי מארקוס הי"ו, דער געטרייער גבאי פון די "רענט קאמפיין", איז זיך צאמגעקומען א גרויסער עולם.

צווישן אנדערע האט דער ראש ישיבה אויסגעשמועסט די כח פון די גליונות פון היכל הקודש, אז מ'קען נישט זאגן אז א מענטש ליינט א גליון ווערט ער די נעקסטע טאג מקורב צום הייליגע רבי'ן, נאר די גליונות ברענגען אריין מושגים אין כלל ישראל.

צווישן אנדערע האט דער ראש ישיבה אויסגערעכנט עטליכע מושגים וואס זענען אריינגעקומען די לעצטע פאר יאר, וואס איז אין זכות פון די גליונות און שיעורים, צום ביישפיל רעדן אפן פון באשעפער, אז זינגערס קענען זינגען א ניגון, א שטייגער ווי: "ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט..." דאס קומט פון ליינען נאכאמאל און נאכאמאל אין די גליונות די הייליגע לויטערע אמונה, וואס גייט אריין צוביסלעך אין קאפ.

אזוי אויך האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז מ'קען שוין הערן בעלי דרשנים רעדן פון די מצוה פון כיבוד אב ואם, א זאך וואס א בעל דרשן האט אמאל נישט גערעדט...

דערנאך האט דער ראש ישיבה אויסגעשמועסט ווי מענטשן געבן קרעדיט אויף דאס וואס מ'זעט ווי אסאך אינגעלייט וואס אויסערליך וואלט מען נישט געקענט טראכטן אז זיי זענען מקפיד אויף דאווענען שחרית, מנחה און מעריב מיט מנין יעדן טאג מיט א שטארקע קביעות, אבער זיי זענען זייער שטארק אין דעם, אז דאס נעמט זיך פון הערן אזויפיל שיעורים און ליינען אזויפיל אין די גליונות און קונטרסים פון די גרויסקייט און וויכטיגקייט פון דעם.

און דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט, אז אפגעזען וואס מ'זעט היינט די זאך פון א "דף הקהילה", ווי מוהרא"ש ז"ע האט געהאלטן אין רעדן אז און א דף גמרא יעדן טאג איז גארנישט דא, און אזוי ווייטער, ווי צוביסלעך איז דאס אריין אין די וועלט.

און דער ראש ישיבה האט זייער שיין אויסגעשמועסט, אז צו רעדן צו מענטשן פון פשטות היהדות דארף מען האבן דעם רבי'ן, צו רעדן פון דאס גרויסקייט פון בארד און פיאות, תפילין, שבת, און אזוי אויך אלע פשוט'ע זאכן דארף מען האבן דעם רבי'ן, ווייל סתם א בעל דרשן, אפילו ער וועט אנהייבן צו רעדן פון פשוט'ע זאכן וועט עס נישט אנהאלטן צו לאנג, נישט מער ווי עטליכע חדשים, אבער אז מ'האלט זיך ביים רבי'ן זוכט מען נישט קיין פאפולערקייט און געפעלן דעם און געפעלן יענעם, נאר מען זוכט צו ברענגען מענטשן צום אייבערשטן דורך קיום התורה והמצוות.

דער ראש ישיבה האט דערמאנט א איד, א חסידי'שער איד וואס לערנט און קען אסאך טיפע ספרים און חכמות, מיט דעם אלעם האט ער געזאגט ביי א געלעגנהייט פאר דער ראש ישיבה אז דעם ראש ישיבה'ס פשוט'ע דיבורים דאס איז אים מחי' און דאס טראגט אים.

ער האט דערמאנט צום ביישפיל א ווארט וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט שבועות צייט, א טעם פארוואס מען עסט מילכיגס אום שבועות, צו ווייזן

# שיחות, זכרונות און אנעקדאטן

**יואל שניצלער**

אז אויב מען וויל מקבל זיין די תורה, מען וויל זיך פירן מיט די תורה וועג, דארף מען זיין אזוי ווי א בעבי וואס עסט בלויז מילך, מען דארף פארגעסן פון אלעס, זיך אנקוקן ווי א בעבי וואס איז יעצט פריש געבוירן; ווי די ווארט האט אים געטראגן א לאנגע צייט; האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט, אז דעם רבינ'ס פשוט'ע דיבורים דאס רעדט צו יעדן איינעם, און יעדער קען דאס ניצן און זיך מחי' זיין דערמיט.

*

שבת צופרי האט דער ראש ישיבה געלערנט תיקוני זוהר צווישן די ביימער, צווישן די אנוועזנדע איז געווען א גאסט פון ארץ ישראל, און בתוך הדברים האט ער געפרעגט דער ראש ישיבה אויב די ברסלב'ע האבן נישט קיין צרות און קיין פראבלעמען, ווייל זיי זעען אויס אזוי פרייליך און צופרידן, ווי זיי האבן אלעס און אלעס גייט זיי גוט, האט אים דער ראש ישיבה געענטפערט מיט די ווערטער פון הייליגן רבי'ן אין שיחות הר"ן, סימן נג, אז ווער עס האט אמונה לעבט א גוט לעבן, ווייל ווען ס'גייט אים גוט איז דאך גוט, דאנקט ער און לויבט דעם אייבערשטן, און חס ושלום ווען עפעס גייט אים נישט גוט - גייט ער צום אייבערשטן, ער רעדט זיך אויס צום אייבערשטן, ער דערציילט אים זיין צרה, און בעט אים ער זאל אים העלפן.

*

ביים ליינען די תורה האבן צוויי פון די חברים אין די קהילה געבענטשט גומל אז זיי זענען געווען אין שפיטאל און זיי זענען אהיימגעקומען געזונטערהייט, און דער ראש ישיבה האט דערנאך אנגעהויבן דעם ניגון "חסדי ה' כי לא תמנו", נאכדעם האט א צווייטער עולה געווען, און דער ראש ישיבה האט אים געזאגט אז ער דארף אויך גומל בענטשן און מ'דארף פאר אים אויך זינגען חסדי ה', ווייל ער איז מקורב צום הייליגן רבי'ן...

*

דער ראש ישיבה האט עולה געווען שישי וואס איז אויך די קריאה פון די תוכחה, און ביי עטליכע פסוקים האט דער ראש ישיבה געזאגט הויך די גוטע חלק, און שטיל די שטראף, צום ביישפיל די ווערטער פונעם פסוק: "זֶרַע רַב תּוֹצִיא הַשָּׂדֶה" - האט דער ראש ישיבה געזאגט הויך, "וּמְעַט תֶּאֱסֹף כִּי יַחְסְלֶנּוּ הָאַרְבֶּה" - מער שטיל, אזוי אויך: "כְּרָמִים תִּטַּע וְעָבָדְתָּ" - הויך, און "וְיַיִן לֹא תִשְׁתֶּה וְלֹא תֶאֱגֹר כִּי תֹאכְלֶנּוּ הַתֹּלָעַת" - מער שטיל, "בָּנִים וּבָנוֹת תּוֹלִיד" - הויך, "וְלֹא יִהְיוּ לָךְ כִּי יֵלְכוּ בַּשֶּׁבִי" - מער שטיל, און אזוי ווייטער.

*

ביי סיפורי מעשיות נאכן דאווענען האט דער ראש ישיבה זייער שיין אויסגעשמועסט ווי א מענטש קען אלעס בעטן דעם אייבערשטן, און נישט אויפגעבן צו בעטן, און אויב מ'האט נישט באקומען וואס מ'בעט דארף מען אריינטראכטן אויב מ'האט דאס ריכטיג געבעטן, מיט דברי רצוי און פיוס, און דער ראש ישיבה האט דערביי אויסגעשמועסט דעם שטיקל וואס שטייט אין תיקוני זוהר (תיקון ו, דף כב.) אז מ'שרייט צום אייבערשטן אום יום כיפור אזוי ווי הינט: "געב מיר פרנסה, געב מיר סליחה, כפרה, לעבן", און אזוי ווייטער, אז די כוונה איז אז ווען מען בעט דעם אייבערשטן טאר מען נישט בעטן מיט טענות, דו הערסט מיך נישט אויס און דו העלפסט מיר נישט וכדומה, נאר בעטן בתחנונים, צום ביישפיל: "רבונו של עולם איך בעט דיר העלף מיר איך זאל האבן צו צאלן שכר לימוד, איך וויל דאך געבן פאר מיינע קינדער אן ערליכע אידישע חינוך צו גיין אין דיינע וועגן, אין פאבליק סקול קען מען שיקן בחנם, עס קאסט נישט קיין געלט, אבער איך וויל דאך שיקן אין אן ערליכע מוסד", און אזוי ווייטער, שיין אויסשמועסן און בעטן, נישט בילן ווי א הונט: "דו הערסט מיך נישט אויס, דו געבסט מיר גארנישט, איך כאפ נאר פעטש" וכו', חס ושלום.

*

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט תורה רי"א פון ליקוטי מוהר"ן חלק א', ווי דער רבי רעדט אז דורך קומען צום צדיק איז מען זוכה צו טהרת המחשבה; דער ראש ישיבה האט אויסגעשמועסט אז טהרת המחשבה מיינט אז מ'האט אמונה אז דער אייבערשטער איז דא און ער טוט אלעס, מ'קען אים אלעס בעטן און אלעס דערציילן, אזוי אויך מיינט טהרת המחשבה אז מ'פרייט זיך מיט די גוטע זאכן וואס מ'טוט, מ'פרייט זיך אז מ'היט שבת, אז מ'לייגט תפילין, און מיט אלע גוטע זאכן וואס מען איז זוכה אריינצוכאפן.

אויך האט דער ראש ישיבה אויסגעשמועסט ווי אזוי מ'קען שפירן א בענקשאפט און א גליסטונג צו פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, נישט אז ס'זאל שפירן ווי א שווער לאסט, וואס מ'זאל ח"ו טראכטן 'הלוואי' זאל עפעס געשען אז מ'זאל נישט קענען פארן וכדומה, אז מ'דארף לערנען דעם הייליגן רבינ'ס ספרים מיט די שיחות, אזוי שפירט מען א קשר מיטן רבי'ן און א בענקעניש צום רבי'ן.

**א כתיבה וחתימה טובה.**

# אִיךְ מוּז קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוּיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?




## שְׁאֵלָה:

**לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,**

**איך בין נישט קיין ברסלב'ער חסיד, אבער איך בין אביסל נאנט צו ספרי ברסלב און איך שעפ פון דעם אסאך חיזוק, במיוחד פון די נקודה זיך נישט צו צוברעכן פון גארנישט, און פון דעם אז איך בין טייער און חשוב אויף אפילו ווען איך בין אין א נידריגן מצב. די נקודה ווערט שטארק אויסגעשמועסט אין די ברסלבע ספרים און דאס גיבט מיר אסאך חיות. אזוי אויך די דברי חיזוק וואס איך בין זוכה אויסצוהערן פון אייך כמעט מדי יום ביומו, וואס דאס גיבט מיר חיות אויף א גאנצן טאג.**

**איין זאך וואס שטערט מיר אביסל אין ברסלב, איז די נקודה וואס מ'שטייט אויף דעם אז יעדער מוז פארן קיין אומאן אויף ראש השנה. לויט די ברייטקייט און די ווייט-זען וואס הערשט ביי אייך, די אפנקייט וואס איר האט צו הערן וואס יעדער האט צו זאגן, און צו מקבל זיין אויך דער וואס איז נישט פונקט אין ליין אזוי ווי אייך, לויט דעם וואלט מער געפאסט פאר אייך נישט צו מאכן אן עסק אויב מ'קומט יא אדער נישט קיין אומאן.**

**איך שעם זיך צו זאגן, אבער דאס רעדן אזויפיל פון אומאן וואלט זיך מער געפאסט פאר אנדערע חצרות, וואס האבן מער ליב צו מאכן א טראסק, און נישט פאר ברסלב.**

**איך פאר נישט קיין אומאן אויף ראש השנה, ווייל איך האב א אנדערע רבי וואס ביי אים בין איך אויף ראש השנה. מיינט דאס אז מיין גאנצער עבודה איז גארנישט ווערד? מיינט אז איך האב גארנישט מיט ברסלב'ן רבי'ן, אפילו איך לערן זיינע ספרים און איך ארבעט אויף דעם וועג?**

**דוד**

## תְּשׁוּבָה:

**בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת שופטים, כ"ח מנחם-אב, שנת תשע"ז לפרט קטן**

לכבוד דוד נרו יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

## א בריוו פון דער ראש ישיבה

**עצתו אמונה שופטים תשע"ז**

דאס וואס דו פרעגסט מיר וואס איז די גאנצע זאך פון פארן קיין אומאן אויף ראש השנה, דו שרייבסט מיר אז פון איין זייט האסטו התחזקות פונעם הייליגן רבינ'ס ספרים, און דאס איז דיין חיות וכו', און פון די אנדערע זייט פארשטייסטו נישט וואס מען רעדט אזוי סאך פון פארן קיין אומאן.

וויסן זאלסטו אז דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר. כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", און עס איז מיר א וואונדער אויף די מענטשן וואס גלייבן אין מיר, און זיי זענען מקורב צו מיר, פארוואס זאלן זיי נישט מודיע זיין פאר אלעמען אז מען זאל קומען צו מיר אויף ראש השנה? קיינער טאר נישט פעלן, ווייל מיין גאנצע זאך איז ראש השנה".

נאך האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ ראשׁ הַשָּׁנָה; לֹא מִבָּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בָּראשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ, תָּלוּי בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", איך האב באקומען א מתנה פונעם אייבערשטן, אז איך ווייס וואס איז 'ראש השנה', און נישט נאר ענק, נאר די גאנצע וועלט איז געוואנדן אין מיין ראש השנה.

און נאך האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תו): "שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּראשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילּוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם אֲבָל בְּראשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּראשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", ראש השנה קען איך יעדן איינעם העלפן, אפילו מענטשן וואס איך קען זיי נישט מתקן זיין א גאנץ יאר.

דער ברסלבער רב ר' אהרן זכרונו לברכה איז געקומען צום רבי'ן בעפאר דעם לעצטן ראש השנה פאר דער רבי איז אוועק - שנת תקע"א, און ער האט געזאגט פארן רבי'ן אז עס איז אים זייער שווער צו קומען צום רבי'ן אויף ראש השנה, ווייל ער קען נישט איבער לאזן זיין קהילה, האט זיך דער רבי אנגערפן און געזאגט (עיין חיי מוהר"ן, סימן תו): "ווי אזוי זאל איך אייך זאגין, קיין גרעסערס דער פון איז ניט פארהאנין, איי אנדערע גוטע יודין זאגין ניט אזוי, איז נאך א קשיא".

דערפאר אז דו שרייבסט מיר אז דיין גאנצע חיות קומט פון רבי'ן, איז וואס שרייבסטו מיט אזא ברייטקייט כאילו פארן אויף אומאן איז א קליינקעפעלדיגע זאך; אז דער רבי האט געהייסן פארן דארף מען פאלגן, צי מען פארשטייט יא צי מען פארשטייט נישט. גלייב מיר, פאר יעדן איינעם איז שווער צו פארן אויף ראש השנה, בפרט פאר א איינגערמאן וואס לאזט איבער א ווייב און קינדער איז עס בכלל נישט קיין גרינגע זאך, אבער א מענטש דארף זיך מאכן א פשוט'ער חשבון: 'אז איך האב געטראפן א רבי וואס איז מיר מחזק, ער שטארקט מיר, ער טוישט מיר, ער מאכט מיר לערנען און דאווענען, ער ווייזט מיר אויף אז איך בין נאך יא ווערד, אז איך האב נאך א תקנה, און ער געבט מיר עצות אויפן טאג טעגליכע לעבן, אז ער הייסט קומען צו אים אויף ראש השנה וועל איך פארן מיט מסירת נפש'.

מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט שטענדיג זאגן, אז ווען דער רבי וואלט ווען נישט געהייסן אז מען זאל קומען צו אים קיין אומאן אויף ראש השנה, וואלט ער געווען דער ערשטער נישט צו פארן; ווייל עס איז בכלל נישט קיין גרינגע זאך צו פארן, עס איז שווער ברוחניות ובגשמיות, אבער אז דער רבי האט געהייסן קומען דארף מען גיין מיט מסירות נפש.

עס איז נאך נישט געווען זייט בריאות העולם א צדיק וואס זאל צו זאגן מיט צוויי עדות אז ווער עס וועט קומען צו זיין ציון און געבן א פרוטה לצדקה לזכותו און זאגן די תיקון הכללי, אֲפִילּוּ אִם עָצְמוּ וְגָבְרוּ חֲטָאָיו וּפְשָׁעָיו וועט ער אים א טובה טון, און ביי די פיאות וועט ער אים ארויס שלעפן פון שאול תחתיות; דארף זיך א מענטש מאכן א פשוט'ן חשבון, איך ווייס דאך ביי מיר ווער איך בין, און וואס איך האב אלץ געטון; מענטשן קען מען פאפן, מענטשן קען מען אויסנארן, אבער איך ווייס דאך יא ווער איך בין, און דא איז דא א רבי וואס האט צוזאגט אז ער וועט א טובה טון, און ער וועט מתקן זיין ווער עס קומט צו זיין ציון, און מען זעט דאס קלאר, אז ווען מען קומט צום רבינ'ס ציון הייבט מען אן צו לעבן מיטן אייבערשטן, מען הייבט אן צו לעבן מיט תשובה, אפילו אזא איינער וואס איז נעבעך איינגעטונקן ביז איבער זיינע אויערן אין עבירות רחמנא לצלן, הייבט שוין אויך אן צו האבן הרהרי תשובה, איז וואס איז בכלל דאס וואס דו רעדסט אזוי ברייט אז פארן אויף אומאן איז א צומצום; וויפיל דארפן מיר וויינען צום אייבערשטן אז מיר זאלן פארעכטן אונזערע מעשים וואס מיר האבן אלץ אפגעטון.

**דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.**


פאיעכעלע
דאוואי
מוסדות
היכל הקודש
ברסלב בארה"ב
מתיבתא היכל הקודש דחסידי ברסלב
רענט
קאמפיין
386
מ'פארט
צום רבי'ן
נסיעה


ALPHAITIS.COM
א כתיבה
וחתימה טובה
און א גוט
געבענטשט יאר
שבתי מאורנוס
אשר בער אינדאורסקי
נסיעה

# גאסט ארטיקל



## וואס האט דאס מיר
# אויסגעפעלט?!

ל. צוסמאן

איך זיץ מיר אזוי אויפ'ן קאוטש און כאפ א פיינעם דרימל נאך א לאנגן און פולן טאג, ווען פלוצלינג וועק איך מיר אויף נאך עטליכע מינוט און איך זע - נישט מער געדאכט - עס גיסט וואסער פונעם דאך!

איך לויף ארויף שנעל אויפ'ן אויבערשטן שטאק, און מיין שלאף-צימער שטייט שוין אין אן אינטש וואסער; פונעם בית הכסא לויפט וואסער אן אויפהער, א חורבן פון א מעשה. דאס וואסער גייט אריין אין די ווענט און פליסט אראפ דורכ'ן פלאר צום אונטערשטן שטאק.

איך האב מיר געביסן די ליפן פאר צער, זעענדיג ווי מיין שיינע נייע הויז, וואס איז קוים 8 יאר אלט, גייט לטמיון פאר מיינע אויגן. איך האב אנגעהויבן שטארק מתפלל זיין צום אייבערשטן, און גלייך גערופן חברים...

ב"ה די געטרייע וואלונטירן פון חברים זענען אנגעקומען און אויפגערוימט דאס גאנצע וואסער. זיי האבן מיר געגעבן א נומער פון א קאמפאני וואס ברענגט אויף די ווענט נאך א וואסער-שאדן, און זיי קענען אויך זאגן אויב עס לוינט זיך צו מאכן אן אינשורענס קלעים.

ויהי למחר, די קאמפאני איז אנגעקומען, געהאקט ווענט, און אריינגעשיקט די גאנצע אינפארמאציע פאר די אינשורענס.

געלויבט דעם אייבערשטן, די אינשורענס האט זיך ווארעם אנגערופן און זיך געלאזט קאסטן בריוח איבערצומאכן אלע שאדנס. נו, אז מ'צאלט שוין און מ'האלט שוין סיווי ביי פארריכטן די הויז, האבן מיר שוין אויסגענוצט די געלעגנהייט איבערצומאכן אלע זאכן וואס מיר האבן שוין לאנג געוואלט: מיר האבן פארגרעסערט דעם צימער, אוועקגעריקט יענעם קלאזעט, צוגעבויט נאך א צימער דא, און צוגעלייגט לעקטערס דארט. פארשטייט זיך אז מ'האט איבערגעפעינט די גאנצע הויז און געסקרעבט די פלארס.

ב"ה די גאנצע הויז איז איבערגעפרישט געווארן ווי ניי, און ס'איז יעצט פיל בעסער און באקוועמער ווי פריער.

אההה, מ'ציט זיך שוין צוריק אריין אין די פרישע שפאגל-נייע הויז. הערליך שיין, ברוך השם, ש'כח אייבערשטער! די גאנצע משפחה איז בשמחה, אלעס איז שוין פאראכטן און פריש. מ'האט איבערגעפעינט די גאנצע הויז מיט א געשמאקע לעכטיגע קאליר, ס'איז ממש א מחי' מיט אסאך נייע חידושים.

עס גייט אדורך אפאר חדשים, און פלוצלינג הייב איך אן טראכטן צו מיר אליין: "וואס האב איך דא בכלל אויפגעטון?" וואס איז אהינגעקומען די גאנצע געלט וואס די אינשורענס האט מיר געגעבן? פארוואס האב איך געדארפט אלעס איבערמאכן פון דאס ניי? איך זעה נישט קיין סאך זאכן וואס זענען צוגעקומען צו מיין הויז. פיין, מ'האט איבערגעפרישט די הויז אביסל, מ'האט פאראכטן די שאדנס, אבער וואס איז שוין דער גרויסער עסק פון איבערפעינטן די גאנצע הויז, צולייגן ספאט-לייטס, צובויען א צימער, ריקן א קלאזעט, וכדומה? וואס האט זיך שוין אזוי געטוישט?

איך האב מיר אראפגעזעצט און אנגעהויבן צוריקצובלעטערן אין מיין מח וויאזוי די הויז האט אויסגעזען פאר די וואסער-שאדן... די הויז איז געווען געפעינט מיט א טונקעלע קאליר, ס'איז געווען ווייניג לעקטער, און ברוך השם מיט א משפחה מיט קינדער איז די פעינט שוין געווען שטארק אפגעריבן אין אסאך פלעצער. די פלאר איז שוין געווען גוט אויסגענוצט און צוריבן. די גאנצע לאנדרי וואו מ'וואשט די וועש איז באשטאנען פון

א קליינע קלאזעט אריינגעשטופט מיט א וואשער און א דרייער.

אלע טויס זענען געלעגן אין א ריזיגע קלאזעט אינמיטן הויז, וואס דאס האט געמיינט אז וואו מ'איז נאר געגאנגען האט מען געזען שפילצייג איבערן גאנצן פלאר. דא און דארט זענען געווען לעכער אין די וואנט. בקיצור, פונקטליך וויאזוי א הויז קוקט אויס נאך עטליכע יאר ביי א משפחה געבענטשט מיט קינדער, ברוך השם.

נאכן זיך גוט דערמאנען וויאזוי דאס הויז האט אויסגעזעהן פארדעם, זעה איך הערשט איין די געוואלדיגע חידושים וואס מ'האט צוגעלייגט ביים איבערמאכן דאס הויז. עס איז ממש לעכטיג! מ'האט צוגעלייגט א שיינע וואש-רום, א פלעי-רום, פרישע נייע ווענט, א נייע פלאר, און לעכטיגע קאלירן. א מחיה! ממש פנים חדשות באו לכאן! ברוך השם עס האט זיך פיין געלוינט!

***

צומאל קומט אריין אזא מחשבה אין קאפ 'וואס האט מיר אויסגעפעלט צו גיין קיין ברסלב?! ס'קאסט מיר בזיונות פון דא און דארט, עס האט שוין געקאסט פאר מיר א דזשאב צוויי דריי מאל... וואס האט מיר ברסלב צוגעגעבן?'

איך בין דאך געווען א פיינע אינגערמאן פאר דעם, איך האב געדאווענט שחרית מנחה מעריב מיט מנין, געלערנט עפעס (כמעט) יעדן טאג, געזוכט צו ווערן בעסער, אויסגעהערט שיעורים פון ווארילע ערליכע אידן...

לאמיר זיך אבער אוועקזעצן און אביסל צוריקמישן די בלעטער: וויאזוי האט מיין אינערליכע לעבן אויסגעזעהן פארן קומען צום רבי'ן?

האב איך אמאל גערעדט צום אייבערשטן פשוט ווייל ער איז מיין טאטע? האב איך זיך אמאל באמת געפריידט מיט מיינע תפילין? האב איך אמאל געוויסט אז איך קען און איך דארף תשובה טון אפילו אויף א קלייניגקייט?

האב איך אמאל געוויסט אז דער אייבערשטער האט מיר ליב אייביג און אייביג?

האב איך אמאל געטראכט אז איך וועל זיך אזוי פרייען ווען שבת קומט אן? האב איך אמאל געטראכט אז איך וועל אזוי הנאה האבן פשוט צו פארברענגען מיט מיין ווייב און קינדער, און נישט זוכן ארויסצוגיין פארברענגען מיט חברים? האב איך אמאל געטראכט אז איך וועל ארויסקוקן צו קענען כאפן א שפאציר אליין און שמועסן מיטן אייבערשטן?

האב איך אמאל געטראכט אז איך וועל תשובה טון אויף זאכן וואס איך האב קיינמאל נישט גע'חלומ'ט אז איך דארף בכלל תשובה טון דערויף?

האב איך אמאל געטראכט אז איך וועל זיין פרייליך נאך א שחרית, און נישט שעפשען צו מיר שטילערהייט 'אויך מיר א שחרית...'?

האב איך אמאל געטראכט אז איך וועל זיין פרייליך יעדן יום טוב, אן פילן גילטי און טראכטן אז איך האב נישט יוצא געווען אדער נישט אויסגענוצט דעם יום טוב כראוי?

האב איך אמאל געטראכט אז איך וועל אמאל בעטן דעם אייבערשטן "העלף מיר איך זאל נישט האבן קיין שווער הארץ אויף יענעם וואס האט מיר ווי' געטון"?

האב איך אמאל געטראכט אז איך וועל לערנען תורה פשוט ווייל די תורה איז הייליג אן קיין זייטיגע חשבונות? האב איך דען אמאל געטראכט אז איך וועל זוכה זיין צו האבן א צדיק וואס וועט אינגאנצן טוישן מיין מהלך המחשבה און מיך רוקן פאראויס?

האב איך אמאל געטראכט אז איך וועל אראפנעמען 'קול הנייעס' פון מיין ספיד-דייל און איך וועל עס נישט רופן ווי גרויס די יאר איז?

**אוי, האט דאס אויסגעפעלט! אוי האט זיך עס געלוינט!**



# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## ארויס פון רוסלאנד

עס איז געווען א ברסלב'ער חסיד מיט'ן נאמען ר' משה ירוסלבסקי זכרונו לברכה, וועלכער פלעגט צושטעלן עסן פאר הונדערטער אידן וואס זענען געקומען קיין אומאן אויף ראש השנה, צו זיין ביים הייליגן קיבוץ. ער איז געווען א פשוט'ער מענטש, אבער ער האט געהאט א שטארקע אמונת חכמים אינעם הייליגן רבי'ן; ער פלעגט כסדר גיין צום ציון און בעטן אז ער זאל זוכה זיין צו אמת'ע אמונת חכמים.

ווען די קאמוניסטישע באוועגונג ימח שמם האט זיך אויפגעשטעלט אין רוסלאנד, איז די לאגע פאר אידישע קינדער דארט געווארן גאר ביטער. ר' משה ז"ל האט געמאכט א חשבון אז אין רוסלאנד וועט זיין ביטערליך שווער צו בלייבן אן ערליכער איד, דעריבער האט ער זייער שטארק געוואלט פארלאזן דאס לאנד, אזוי ווי טויזנטער אנדערע אידן. אבער קיינער האט זיך נישט געוואגט צו בעטן די קאמוניסטישע רעגירונג ארויסצוגיין פון דעם קאמוניסטישן גיהנום, ווייל זיי האבן בשום אופן נישט געלאזט קיין מענטשן פארלאזן דאס לאנד.

איז וואס טוט מען? וויאזוי זעט מען זיך ארויס פון אזא גיהנום?

אבער ר' משה ירוסלבסקי זכרונו לברכה האט זיך נישט מייאש געווען; ער האט געהאט אמונת חכמים און געוואוסט אז ביים הייליגן רבי'נס ציון קען מען פועל'ן זאכן למעלה מדרך הטבע. אפילו ווען עס זעט אויס אוממעגליך, קען מען ביים צדיק אלעס פועל'ן.



ער פלעגט יעדן טאג גיין צום הייליגן רבי'ס ציון, וויינען און בעטן פונעם הייליגן באשעפער: "איך וויל זיך ארויסזען פון דעם קאמוניסטישן גיהינום און ארויפגיין וואוינען קיין ארץ ישראל אינאיינעם מיט מיין גאנצער משפחה. אזוי וועל איך קענען, מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף, לעבן א הייליג אידיש לעבן און נישט דארפן זיין באהאלטן ווי א פארברעכער."

אזוי האט ער געבעטן טאג נאך טאג, ביז עס איז אריין אין אים א שטארקייט און ער האט באשלאסן אריינצוגעבן א בקשה פאר די רעגירונג אז ער וויל פארלאזן רוסלאנד אינאיינעם מיט זיין גאנצער משפחה.

איין טאג האט מען אים אראפגערופן און געפרעגט: "פארוואס ווילסטו פארלאזן רוסלאנד?" האט ר' משה ירוסלבסקי זכרונו לברכה זיי געענטפערט: "איך שפיר ווי איך גיי שוין שטארבן, און איך וויל ווערן באגראבן נעבן מיין טאטע אויף הר הזיתים."

האבן זיי אים צוריק געפרעגט: "נו, אויב דאס איז די סיבה, פאר אליין; פארוואס דארפסטו מיטנעמען דיין גאנצע משפחה מיט דיר?" האט ר' משה געענטפערט: "איך וויל שטארק אז זיי זאלן קענען קומען צו מיין קבר!"

און וואונדער איבער וואונדער, זיין בקשה איז אריין אין זייערע הערצער און זיי האבן אים מיט זיין משפחה געגעבן רשות צו פארלאזן רוסלאנד. דאס איז געווען ממש למעלה מדרך הטבע, וויבאלד די רשעים פלעגן קיינעם נישט ארויסלאזן.

האט מוהרא"ש אויסגעפירט: ווי אזוי האט ער זוכה געווען צו דעם? ווייל כאטש ער איז געווען א פשוט'ער איד, האט ער געהאט אמונת חכמים אינעם הייליגן רבי'ן. אויך אינעם זכות וואס ער האט משמש געווען דעם רבי'ן דורך געבן צו עסן פאר הונדערטער אידן אום ראש השנה ביים קיבוץ אין אומאן, האט ער זוכה געווען צו אזא ישועה. ווייל ווען מען האט אמונת חכמים אינעם צדיק אמת, איז מען זוכה צו אפענע ניסים.

אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן (חלק א', סימן קפ"ו) אז אפילו פשוט'ע מענטשן זענען זוכה צו זען ניסים דורך דעם וואס זיי גלייבן אינעם צדיק.

*אשר בנחל חלק ע"ג מכתב ט"ו תשל. ברייוו 15730*

# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

## קע"ד



## פארזעצונג פון פריער:

**דער הייליגער רבי הָאט גֶעהַאט גֶעוַואלְדִיגֶע יִסוּרִים פוּן דִי גֶעפֶערְלִיכֶע מַחְלוֹקֶת וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט, מֶען הָאט אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אוֹיף אִים אַזוֹיפִיל נַארִישֶׁע בִּלְבּוּלִים, אַרוֹיפְגֶעשְׁמִירְט אוֹיף אִים אַזוֹיפִיל שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶע'חָלוֹמְ'ט.**

אַזוֹי רֶעדְנְדִיג מִיט רֶבִּי נָתָן אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט זַיינֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסוּרִים פוּן אַלֶע זַייטְן, אִיז אִינְצְוִוישְׁן אַרַיינְגֶעקוּמֶען דִי רֶבִּיצִין, אוּן זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ אָפְּרֶעדְן צוּ רֶבִּי נָתָן אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, זִי הָאט גֶעהַאט דְרַיי טַעֲנוֹת; אֵיינְס, פַארְוָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט נִישְׁט אַכְטוּנְג אוֹיף זִיךְ, פַארְוָואס עֶר הִיט נִישְׁט אוֹיף זַיין גֶעזוּנְט, צְוֵוייטְנְס, פַארְוָואס דֶער רֶבִּי שְׁלֶעפְּט זִיךְ אַזוֹיפִיל אַרוּם אוֹיף דִי וֶועגְן, אוּן דְרִיטְנְס פַארְוָואס עֶר הָאט צוּגֶעלָאזְט אַז דָאס קִינְד זָאל נִפְטָר וֶוערְן.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אַדְרַבָּה וְאַדְרַבָּה, זָאלְט אִיר זַיין דִי דַיָינִים, פַאר אִיר אִיז אַ שָׁאד דָאס קִינְד?", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעוֵויין אוּן מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן גֶעזָאגְט, "וָואס וֵוייסְט אִיר בִּכְלַל וָואסֶערֶע גֶעוַואלְדִיגֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע בְּרָאךְ דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז דָאס קִינְד אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן? מַיין הַארְץ אִיז גֶענְצְלִיךְ צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעשְׁנִיטְן פוּן דֶעם".

עֶס זֶענֶען גֶערִינֶען טְרֶערְן אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס פָּנִים, אוּן רֶבִּי נָתָן אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי זֶענֶען גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאפְן פוּן דִי צַעַר אוּן בּוּשָׁה וָואס אִיז זֵיי בַּאפַאלְן צוּקוּקְנְדִיג דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַרְאֶה וִוי דֶער רֶבִּי וֵויינְט אַזוֹי שְׁטַארְק.

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג, פְרַייטָאג עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, "וֶוען אִיר לוֹיפְט וֶוען נִישְׁט גְלַייךְ אַוֶועק, וָואלְט אִיךְ אַייךְ וֶוען דֶערְצֵיילְט שֵׁיינְס".

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פָארְכְטִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (רוּת ב', ח') "וַיֹּאמֶר בֹּעַז אֶל רוּת", (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ה), וָואס רֶעדְט אִיבֶּער תִּיקוּן פוּן נְשָׁמוֹת, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זַייעֶר הָאבְּן דֶעם אוֹיפְזֶעעֶר פוּן פֶעלְד, וָואס זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵיי אוּן זֵיי פַארְרֶעכְטְן, אוּן דֶער וָואס גַארְטְלְט זִיךְ אָן צוּ זַיין דֶער "בַּעַל הַשָּׂדֶה", גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים פִילֶע יִסוּרִים אָן קֵיין שִׁיעוּר, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אָבֶּער עֶר גֵייט אַלֶעס אַרִיבֶּער מִיט זַיין גְרוֹיסְן כֹּחַ, אוּן עֶר גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיטְ'ן פֶעלְד וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

כָאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט עֶרְשְׁט יֶעצְט, אִין דֶעם זוּמֶער, מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם גֶעוַואלְדִיגְן עִנְיָן פוּן מְתַקֵן זַיין נְשָׁמוֹת, אוּן אַז מֶען דַארְף זַייעֶר שְׁטַארְק הָאבְּן אַ "בַּעַל הַשָּׂדֶה", אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעגַארְטְלְט צוּ זַיין דֶער בַּעַל הַשָּׂדֶה, וִוי עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן תּוֹרָה, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט שׁוֹין דֶער רֶבִּי בֶּאֱמֶת גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַסַאךְ יָארְן פְרִיעֶר, וֶוען עֶר הָאט נָאךְ גֶעווּאוֹינְט אִין זְלַאטִיפָּאלִי.

פוּן דֶעם זֶעט זִיךְ אַרוֹיס דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן צוּ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטַאנֶען אֲפִילוּ נָאר פַאר אֵיין סֶעקוּנְדֶע אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע מַדְרֵיגָה, יֶעדֶע מִינוּט אוּן יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע הָאט דֶער רֶבִּי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גָאר נַייעֶ וואוּנְדֶערְלִיכֶע אוּן גֶעוַואלְדִיגֶע זַאכְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער צוּ וָואס עֶר הָאט אַלְץ זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין דִי יָארְן.

אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִים ק"ב, י') "וְשִׁקֻּוַי בִּבְכִי מָסָכְתִּי", אַז אֵיידֶער מֶען אִיז מְחַדֵשׁ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה דַארְף מֶען קוֹדֶם וֵויינֶען (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ב), אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ אַז יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר אִיז מְחַדֵשׁ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, וֵויינְט עֶר פַארְדֶעם.

נָאךְ שַׁבָּת הָאט פַּאסִירְט אַז רֶבִּי נָתָן אוּן ר' נַפְתָּלִי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן גַאס אוּן עֶס אִיז זֵיי אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען זַייעֶר אַ פְּרִיצוּת'דִיגֶע עֲרֵלִית, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ אַוֶועקְגֶעדְרֵייט דֶעם פָּנִים נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף אִיר חַס וְשָׁלוֹם, אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען שְׁפֶּעטֶער גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי מְגַלֶה גֶעוֶוען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ פוּן "אָרִיךְ אַנְפִּין דִקְלִיפָּה" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רמ"ב) אַז וואוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נָאר דְרֵייעֶן וֶועט עֶר בַּאגֶעגֶענֶען אַ קְלִיפָּה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן וָואס דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז.

דֶעמָאלְט הָאבְּן זֵיי אַבִּיסְל גֶעזֶען דִי גֶעוַואלְדִיגֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וִוי אַזוֹי קֵיין שׁוּם זַאךְ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִים.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# געדאנקען

## אין אומאן מיט די היימישע האניג קוכעלעך

עס ווערט געברענגט אין הייליגן ספר שאלות ותשובות חסידות ברסלב (ג' תולדות תשע"ג) פון די גרויסקייט פון ראש השנה ביים רבי'ן אין אומאן.

מוהרא"ש ברענגט דארט די זאך וואס דער רבי ברענגט אין עטליכע פלעצער, אז מיט יעדע איינצעלנע איד וואס קומט צו צו די קיבוץ ביים צדיק, ווערט מיט דעם אויפגעטון גאר אסאך.

מיר וועלן קודם א קוק טון אויף די וועג ווי שפיאנען רעדן, און וואס ליגט אינעווייניג אין א קאמפיוטער.

למשל, אויב א גנב האט געטראפן איינעמס דעביט קארטל און ער וויל ברעכן די PIN צו קענען ארויסנעמען געלט, איז אזוי, אויב א PIN וואלט געווען נאר צוויי נומערן (צוויי דידזשיטס) אנשטאט פיר, און אויב די PIN קען גיין נאר פון 1 ביז 2 אנשטאט פון 1 ביז 0 וואלט דער גנב אין איין סקונדע געהאט דעם PIN.

דער גנב וואלט פרובירט 12, און 21, און די זאך איז אפן.

עס איז דא עטליכע אופנים אין דעם, יעצט רעדט מען אז דעם 1 נוצט מען נאר איינמאל און די 2 אויך נאר איין מאל, עס איז דא אנדערע אופנים, אויב מען קען מאכן 22 און 11, דעמאלטס איז די חשבון אנדערש, יעצט גייען מיר אויף די אופן אז מען קען נישט נוצן די זעלבע דידזשיט צוויי מאל.

אויב א PIN וואלט ארויף פון צוויי דידזשיטס צו דריי דידזשיטס, און מען באנוצט זיך מיט א 1 און א 2 און א 3, דאס הייסט אנשטאט פון 1 ביז 2, גייט עס פון 1 ביז 3, וואלט ער געדארפט מאכן זעקס פראבעס צו מאכן זיכער אז די PIN איז אפן פאר אים.

123 132 231 213 321 312

אוודאי אין פראקטישקייט קען ער האבן די ענטפער נאך פאר זעקס פראבעס, אבער יעצט רעדט מען די מאטעמאטישע שפראך, יעצט רעדט מען אויף א וועג פון גיין זיכער, מען רעדט דא די שפראך פון מטעמאטישע זיכערקייט, אן קיין "אפשר", ביי ווייניגער פון זעקס איז עס אפשר יא אפשר נישט, ביי זעקס איז עס א זיכערע ענטפער, א זיכערע אפענע PIN.

אויב די PIN גייט פון דריי דידזשיטס צו פיר, און מען באנוצט זיך מיט 1 און 2 און 3 און 4, דאס הייסט אנשטאט פון 1 ביז 3, גייט עס פון 1 ביז 4, וועט ער מוזן מאכן גאנצע פיר און צוואנציג פראבעס צו קענען אויף זיכער ברעכן דעם PIN.

1234 1243 1324 1342 1423 1432
2143 2134 2314 2341 2431 2413
3124 3142 3214 3241 3412 3421
4123 4132 4213 4231 4312 4321

אויב די PIN גייט פון פיר דידזשיטס צו פינעף, און מען באנוצט זיך מיט 1 און 2 און 3 און 4 און 5, דאס הייסט אנשטאט פון 1 ביז 4, גייט עס פון 1 ביז 5, וועט ער

# איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

## משה אריה שניצלער

מוזן מאכן גאנצע הונדערט און צוואנציג פראבעס צו ברעכן דעם PIN.

12345, 12354, 12435, 12453, 12534,
12543, 13245, 13254, 13425, 13452,
13524, 13542, 14235, 14253, 14325,
14352, 14523, 14532, 15234, 15243,
15324, 15342, 15423, 15432, 21345,
21354, 21435, 21453, 21534, 21543,
23145, 23154, 23415, 23451, 23514,
23541, 24135, 24153, 24315, 24351,
24513, 24531, 25134, 25143, 25314,
25341, 25413, 25431, 31245, 31254,
31425, 31452, 31524, 31542, 32145,
32154, 32415, 32451, 32514, 32541,
34125, 34152, 34215, 34251, 34512,
34521, 35124, 35142, 35214, 35241,
35412, 35421, 41235, 41253, 41325,
41352, 41523, 41532, 42135, 42153,
42315, 42351, 42513, 42531, 43125,
43152, 43215, 43251, 43512, 43521,
45123, 45132, 45213, 45231, 45312,
45321, 51234, 51243, 51324, 51342,
51423, 51432, 52134, 52143, 52314,
52341, 52413, 52431, 53124, 53142,
53214, 53241, 53412, 53421, 54123,
54132, 54213, 54231, 54312, 54321

און אזוי גייט עס ווייטער און ווייטער, עס האט א מהלך, עס האט א FORMULA.

די פארמיולא איז אז יעדע מאל וואס די PIN באקומט איין דידזשיט מער, טוט עס MULTIPLY'ען די סך הכל פון פראבעס, די סך הכל פון צירופים, די סך הכל פון COMBINATIONS.

איוב צוויי דידזשיטס מאכט צוויי קאמבינעישנס, דעמאלסט ווען עס ווערט דריי דידזשיטס מאכט מען 2X3 און די ענטפער איז 6, ווייל צוויי מאל דריי איז זעקס.

ווען עס קומט א פערטע דידזשיט, מאכט מען 6X4 און די ענטפער איז 24, ווייל זעקס מאל פיר איז 24.

ווען עס קומט א פיפטע דידזשיט, מאכט מען 24X5 און די ענטפער איז 120, ווייל 24 מאל פינעף איז הונדערט און צוואנציג.

ווען עס קומט א זעקסטע דידזשיט, מאכט מען 120X6 און די ענטפער איז 720, ווייל 120 מאל זעקס איז 720.

ווען עס קומט א זיבעטע דידזשיט האלט מען ביי 5040.

720X7 איז 5040.

ווען עס קומט א אכטע דידזשיט האלט מען ביי 40,320.

5040X8 איז 40,320.

ווען עס קומט א ניינטע דידזשיט האלט מען ביי 362,880.

40,320X9 איז 362,880.

ווען עס קומט א צענטע דידזשיט האלט מען ביי 3,628,800.

362,880X10 איז 3,628,800.

און אזוי ווייטער און ווייטער.

דער הייליגער רבי נוצט דעם משל אין חיי מוהר"ן, אז יעדער איינציגער איד וואס קומט צום צדיק, טוט ער טאפלען די צירופים, האט דער צדיק מער אופנים צו טון זיינע אויפטוען וואס נאר דער צדיק פארשטייט.

איוב וואלט געווען, למשל, ניין אידן ביים קיבוץ, און ס'קומט א צענטער, וואלט ער ארויפגעברענגט די צירופים פון 362,880 צירופים, צו איבער דריי און א האלב מיליאן צירופים!

און מען האלט ביי צען אידן!

און וואס איז ביי הונדערט?!!

און וואס איז ביי טויזנט?!!

און וואס איז ביי צען טויזנט?!!

על כל פנים יעדער וואס קומט צום צדיק געבט ער צו מער און מער און מער כוחות אז דער צדיק זאל קענען אויפטון וואס ער טוט אויף.

עס איז פארהאן אין די וועלט גאר אסאך אינטערעסאנטע וועגן פון זיך באנוצן מיט קאודס.

אין די וועלט פון שפיאנאזש איז פארהאן אסאך זאכן געבויט אויף קאודס, למשל, מען רוקט די ע. בי. סי. פיר אותיות אראפ, אז מען וויל שרייבן BOOK שרייבט מען FSSO, ווייל F איז פיר בוכשטאבן נאך B, און S איז פיר בוכשטאבן נאך O, און אזוי ווייטער.

איוב דער שפיאן וויל עס מאכן נאך שווערער פאר דעם שונא צו אויפברעכן די CODE, וועט ער מאכן למשל אז די ערשטע אות איז צוויי אפגערוקט און

די איבעריגע זענען פיר אפגערוקט, איז, אויב וויל ער אים שרייבן דיווארט BOOK, וועט ער אים שרייבן DSSO.

אויב וויל ער אים נאך מער צומישן וועט ער מאכן די ערשטע אות צוויי אפגערוקט, די צווייטע אות פיר אפגערוקט, און די איבעריגע אותיות צוריק צוויי אפגערוקט, איז, אויב וויל ער שרייבן די ווארט BOOK, וועט ער אים שרייבן DSQM, אזוי טוט זיך אפ א ריזיגע וועלט פון קאודס.

דערנאך איז דא די זאך פון "ביינערי קאוד" (BINARY CODE) וואס אין דעם איז נישט דא קיין שום מין זאך פון קאמפיוטער אין די וועלט, אפילו א פשוט'ע קאלקיולעיטער וואלט נישט געווען אן דעם וואס דער אייבערשטער האט אהער געשטעלט די ביינערי קאוד.

אין ביינערי קאוד אז מען וויל שרייבן 1 שרייבט מען 1.

אז מען וויל שרייבן 2 שרייבט מען 20 (אין געוועגליכע שפראך איז עס צוואנציג, אין ביינערי שפראך איז עס 2).

אז מען וויל שרייבן 3 שרייבט מען 11 (אין געוועגליכע שפראך איז עס עלף, אין ביינערי שפראך איז עס 2).

אז מען וויל שרייבן 4 שרייבט מען 100 (אין געוועגליכע שפראך איז עס הונדערט, אין ביינערי שפראך איז עס 4).

ווייל די ביינערי שפראך באנוצט זיך מיט בלויז צוויי דידזשיטס.

די יסוד פון ביינערי שפראך איז אז ס'איז פארהאנען ליידיגע פלעצער, "פאזיציעס", אויב די פאזיציע האט עפעס דערינען (למשל א 1) קוקט מען דערויף, אויב עס האט גארנישט (אדער א 0, אז מען זאל בעסער זען אז ס'איז טאקע גארנישט דארט) לאזט מען עס אויס און מען גייט ווייטער.

אז מען האט אכט פאזיציעס קען מען נאר אראפשרייבן ביז 255.

אויב מען וויל אראפשרייבן 256 מוז מען שוין האבן ניין פאזיציעס אנשטאט אכט.

אזוי ווי למשל ביי די געוועגליכע נומערן, אז מען וויל שרייבן 10 מוז מען נוצן צוויי פאזיציעס, אויב מען האט נאר איין פאזיציע, קען מען נישט שרייבן מער ווי 9.

אז מען האט צען פאזיציעס קען מען נאר אראפשרייבן ביז 1023.

אויב מען וויל אראפשרייבן 1024 מוז מען שוין האבן עלף פאזיציעס אנשטאט צען.

אזוי ווי עס קען נישט זיין א עפלבוים נאר אויב ס'איז דא קודם א עפל קערעלע, אזוי האט נישט געקענט זיין א קאמפיוטער פאר עס איז געווען ביינערי קאוד, אזוי האט דער באשעפער אויסגעשטעלט די וועלט.

אזוי ווי מען קען נישט מאכן א האלצערנע בענקל אז מען האט נישט קודם קיין האלץ, אזוי קען נישט זיין א קאלקיולעיטער אז ס'איז נישט דא קודם קיין ביינערי קאוד, אזוי האט דער באשעפער אויסגעשטעלט די טבע פון די וועלט.

דער גרויסער באשעפער וואס האט באשאפן אן א שיעור וואונדער אויף דער וועלט, האט באשאפן די וואונדער פון חשבון, אין אסאך פלעצער אין די תורה זעט מען גרויסע וואונדער וואס האט צו טון מיט חשבון, דער מענטש הייבט אן זען אז דער באשעפער איז אזוי גרויס און מיר מענטשן זענען אזוי קליין.

נישט קליין צובראכן, נישט קליין דיפרעסט, נישט קליין מיואש, קליין אז דער באשעפער וואס האט מיר געגעבן עסן ווען איך בין געווען איין יאר אלט און צוויי יאר אלט און דריי יאר אלט, וועט מיר אויך געבן עסן ווען איך האב א כמו ביזנעס און א כמו שיינע קאר און א כמו אייגענע הויז.

אונז זעמיר אין די הענט פון באשעפער ווי א קליינטשיגע ווערעמל וואס קען חלילה ווערן צוטרעטן אין א ליאדע מינוט, יעדע רגע וואס מיר לעבן איז א חסד פון באשעפער, דאס לערנט אונז דער צדיק.

און אז דער צדיק זאגט אז ווען איך קליין ווערעמל קומט קיין אומאן טוט זיך עפעס אומבאגרייפבארע הימלישע צירופים וואס נאר דער צדיק פארשטייט, וועל איך שיין איינפאקן מיין ווייבס היימישע הארציגע ווארימע האניג קוכעלעך און פארן צום רבי'ן.

| | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פאזיציע | | 1 | 2 | 4 | 8 | 16 | 32 | 64 | 128 | | | | | | | |
| | | | | | | | | | | | | | | | | |
| איינס | | 1 | 0 | 0 | 0 | 0 | 0 | 0 | 0 | | | | | | | |
| צוויי | | 0 | 1 | 0 | 0 | 0 | 0 | 0 | 0 | | | | | | | |
| דריי | | 1 | 1 | 0 | 0 | 0 | 0 | 0 | 0 | | | | | | | |
| פיר | | 0 | 0 | 1 | 0 | 0 | 0 | 0 | 0 | | | | | | | |
| פינעף | | 1 | 0 | 1 | 0 | 0 | 0 | 0 | 0 | | | | | | | |
| זעקס | | 0 | 1 | 1 | 0 | 0 | 0 | 0 | 0 | | | | | | | |
| זיבן | | 1 | 1 | 1 | 0 | 0 | 0 | 0 | 0 | | | | | | | |
| אכט | | 0 | 0 | 0 | 1 | 0 | 0 | 0 | 0 | | | | | | | |
| ניין | | 1 | 0 | 0 | 1 | 0 | 0 | 0 | 0 | | | | | | | |
| צען | | 0 | 1 | 0 | 1 | 0 | 0 | 0 | 0 | | | | | | | |
| | | | | | | | | | | | | | | | | |
| צוואנציק | | 0 | 0 | 1 | 0 | 1 | 0 | 0 | 0 | | | | | | | |
| דרייסיק | | 0 | 1 | 1 | 1 | 1 | 0 | 0 | 0 | | | | | | | |
| פערציק | | 0 | 0 | 0 | 1 | 0 | 1 | 0 | 0 | | | | | | | |
| | | | | | | | | | | | | | | | | |
| הונדערט | | 0 | 0 | 1 | 0 | 0 | 1 | 1 | 0 | | | | | | | |
| צוויי הונדערט | | 0 | 0 | 0 | 0 | 1 | 0 | 1 | 1 | | | | | | | |
| | | | | | | | | | | | | | | | | |
| | | | | | | | | | | | | | | | | |
| | | | | | | | | | | | | | | | | |
| | | | | | | | | | | | | | | | | |
| פאזיציע | | 1 | 2 | 4 | 8 | 16 | 32 | 64 | 128 | 256 | 512 | | | | | |
| | | | | | | | | | | | | | | | | |
| טויזנט | | 0 | 0 | 0 | 1 | 0 | 1 | 1 | 1 | 1 | 1 | | | | | |
| | | | | | | | | | | | | | | | | |
| | | | | | | | | | | | | | | | | |
| פאזיציע | | 1 | 2 | 4 | 8 | 16 | 32 | 64 | 128 | 256 | 512 | 1024 | | | | |
| | | | | | | | | | | | | | | | | |
| צוויי טויזנט | | 0 | 0 | 0 | 0 | 1 | 0 | 1 | 1 | 1 | 1 | 1 | | | | |
| | | | | | | | | | | | | | | | | |
| | | | | | | | | | | | | | | | | |
| פאזיציע | | 1 | 2 | 4 | 8 | 16 | 32 | 64 | 128 | 256 | 512 | 1024 | 2048 | 4096 | 8192 | |
| | | | | | | | | | | | | | | | | |
| צען טויזנט | | 0 | 0 | 0 | 0 | 1 | 0 | 0 | 0 | 1 | 1 | 1 | 0 | 0 | 1 | |

| | | |
|---|---|---|
| איז דא 1 צירוף | אויב איז דא ביים קיבוץ 1 נפש | |
| איז דא 2 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 2 נפשות | |
| איז דא 6 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 3 נפשות | 2 × 3 = 6 |
| איז דא 24 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 4 מענטשן | 6 × 4 = 24 |
| איז דא 120 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 5 מענטשן | 24 × 5 = 120 |
| איז דא 720 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 6 מענטשן | 120 × 6 = 720 |
| איז דא 5,040 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 7 מענטשן | 720 × 7 = 5,040 |
| איז דא 40,320 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 8 מענטשן | 5,040 × 8 = 40,320 |
| איז דא 362,880 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 9 מענטשן | 40,320 × 9 = 362,880 |
| איז דא 3,628,800 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 10 מענטשן | 362,880 × 10 = 3,628,800 |
| איז דא 39,916,800 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 11 מענטשן | 3,628,800 × 11 = 39,916,800 |
| איז דא 479,001,600 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 12 מענטשן | 39,916,800 × 12 = 479,001,600 |
| איז דא 6,227,020,800 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 13 מענטשן | 479,001,600 × 13 = 6,227,020,800 |
| איז דא 87,178,291,200 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 14 מענטשן | 6,227,020,800 × 14 = 87,178,291,200 |
| איז דא 1,307,674,368,000 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 15 מענטשן | 87,178,291,200 × 15 = 1,307,674,368,000 |
| איז דא 20,922,789,888,000 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 16 מענטשן | 1,307,674,368,000 × 16 = 20,922,789,888,000 |
| איז דא 355,687,428,096,000 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 17 מענטשן | 20,922,789,888,000 × 17 = 355,687,428,096,000 |
| איז דא 6,402,373,705,728,000 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 18 מענטשן | 355,687,428,096,000 × 18 = 6,402,373,705,728,000 |
| איז דא 121,645,100,408,832,000 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 19 מענטשן | 6,402,373,705,728,000 × 19 = 121,645,100,408,832,000 |
| איז דא 2,432,902,008,176,640,000 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 20 מענטשן | 121,645,100,408,832,000 × 20 = 2,432,902,008,176,640,000 |
| איז דא 51,091,942,525,709,440,000 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 21 מענטשן | 2,432,902,008,176,640,000 × 21 = 51,091,942,525,709,440,000 |
| איז דא 1,124,022,735,565,607,680,000 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 22 מענטשן | 51,091,942,525,709,440,000 × 22 = 1,124,022,735,565,607,680,000 |
| איז דא 25,852,522,917,008,976,640,000 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 23 מענטשן | 1,124,022,735,565,607,680,000 × 23 = 25,852,522,917,008,976,640,000 |
| איז דא 620,460,550,008,215,439,360,000 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 24 מענטשן | 25,852,522,917,008,976,640,000 × 24 = 620,460,550,008,215,439,360,000 |
| איז דא 15,511,513,750,205,385,984,000,000 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 25 מענטשן | 620,460,550,008,215,439,360,000 × 25 = 15,511,513,750,205,385,984,000,000 |
| איז דא 403,299,357,505,340,035,584,000,000 צירופים | אויב איז דא ביים קיבוץ 26 מענטשן | 15,511,513,750,205,385,984,000,000 × 26 = 403,299,357,505,340,035,584,000,000 |



# מעשיות פון תפילה

שמואל קלצקין
בני ברק

שוין א לאנגע צייט וואס איך בעט דעם אייבערשטן איך זאל באקומען א פטור פון מיליטער.

דער עיקר וואס איז מיר געשטאנען אין קאפ איז געווען ראש השנה. איך האב שוין פון לאנג געקויפט מיין פליגער טיקעט און די אינערליכע נסיעות אין אוקריינע ביי ר׳ יואל לעווי שליט"א בעל מחבר אשית עצתו בנפשי.

און אז איך דערמאן אים שוין, מוז איך אים געבן א גוט ווארט פאר די געוואלדיגע סערוויס וואס ער גיט דארט - און א בעט אין אומאן האב איך אויך שוין פארמאכט.

בקיצור, אלעס פאר ראש השנה איז שוין געווען מסודר. נאר איין קליינע זאך האט מיר נאך געפעלט... א פטור.

איך האב געהאט עטליכע דאקומענטן פון פסיכיאטערס, אבער איך האב אליין נישט געהאלטן אז זיי זענען עפעס ווער ווייסט וואס. איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן: „העלף מיר איך זאל באקומען א פטור, איך וויל קענען פארן צום רבי'ן אויף ראש השנה."

פאריגע וואך האט דער מיליטערישער פסיכיאטער איבערגעקוקט מיינע דאקומענטן, און ער האט באשלאסן אז לויט וואס ער זעט איז נישט דא קיין שום סיבה מיר צו באפרייען פון מיליטער, און איך דארף זיך יא שטעלן.

בקיצור, קיין פטור האב איך נישט באקומען... דאס איז שוין נישט געווען אזוי געשמאק.

און דא איז געווען די פראבלעם: איך האב שוין פון לאנג געהאט א באשטימטן דאטום ווען איך דארף זיך שטעלן צום מיליטער, און דער דאטום איז געווען בלויז א וואך שפעטער.

פאר די וואס קענען נישט די סיסטעם אין ארץ ישראל: אויב איינער קומט נישט אינעם טאג ווען ער דארף זיך שטעלן צום מיליטער, ווערט ער פארעכנט ווי א "משתמט" (איינער וואס האט זיך נישט געשטעלט), און פון דארט און ווייטער קען מען שוין האבן פראבלעמען ארויסצופארן פון לאנד.

האב איך פארשטאנען אז איך דארף יעצט שנעל שאפן בעסערע דאקומענטן. אזוי ווי א נארמאלע אפוינטמענט ביי א פסיכיאטער קען מען נישט באקומען פון היינט אויף מארגן, בין איך גלייך געלאפן צו א פסיכיאטרישע עמערדזשענסי רום, וואו איך האב באקומען פרישע און מער ערנסטע דאקומענטן.

איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן: "אייבערשטער, העלף מיר איך זאל באקומען א פטור. איך וויל זיין ביים רבי'ן אין אומאן אויף ראש השנה. מאך שוין אז אלעס זאל זיך מסדר זיין."

היינט איז ענדליך אנגעקומען דער טאג ווען איך האב זיך געדארפט שטעלן צום מיליטער. איך בין אנגעקומען מיט די נייע דאקומענטן, און מען האט מיר געזאגט אז איינער וועט זיי איבערקוקן און באשליסן אויב מען דארף מיר ארייגרופן צו רעדן מיט מיר.

איך זיץ און ווארט. א שעה, צוויי שעה, דריי שעה, פיר שעה... קיינער רופט מיר נישט.

איך האב שוין אנגעהויבן טראכטן: אפשר האט מען אויך נישט אנגענומען די נייע דאקומענטן? אפשר גייט זיך גארנישט טוישן? אבער איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן: "אייבערשטער, איך דארף דעם פטור. איך וויל פארן צום רבי'ן. העלף מיר."

נאך פיר שעה רופט מיך ענדליך א סאלדאט. איך שטיי אויף, גרייט צו הערן וואס דער נעקסטער סטעפ איז, זאגט ער מיר: "דו קענסט אהיימגיין."

וואס הייסט? "דו האסט באקומען א פטור. שרייב נאר דא אונטער און דו קענסט גיין."

דאס איז עס?! פיר שעה האב איך געווארט מען זאל מיר רופן – און צום סוף האט מען מיר גערופן נאר צו זאגן אז מען דארף מיר בכלל נישט רופן...

איך האב אונטערגעשריבן און בין ארויס.

# מיין ערשטע
# ראש השנה





אברהם הערש

# א פרישער מקורב פארציילט זיין ערשטע ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן

# מיין ערשטע ר"ה

**אוי האט זיך עס געלוינט, אוי האב איך פארדינט.**

מיט דאט די ניגון אין קאפ דריי איך מיך שוין ארום פון די מינוט וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעפאנגען דעם ניגון פארגאנגענע ראש השנה אין אומאן אויף תתקבל נאך מוסף, ווען דער ביהמ"ד האט געדינערט פאר שמחה, מיט די טאן פון די ניגון, "ווער עס איז געווען ביי מיר אויף ראש השנה, דארף זיך זייער פרייען, אוי האט זיך עס געלוינט, אוי האב איך פארדינט"!

שטייענדיג ערב ראש השנה תשפ"ז ווען אנשי שלומינו גרייטן זיך שוין בדחילו ורחימו זיך ארויסצולאזן אויפן לענגערע רייזע צום הייליגן רבי'ן, צו זיין ראש השנה אין אומאן, האב איך געפילט אז עס קען זיין אינטערסאנט צו איבערגעבן מיינע הרגשים און סדר הדברים, קומענדיג צום רבי'ן פאריאר צום ערשטן מאל, ברוך השם, שכח הייליגע באשעפער, אדרבה, ליינט און האט הנאה.

## אויפן פליגער מיטן ראש ישיבה

נאך פילע תפילות, און דורכקומען פילע מניעות, האמיר זיך ענדליך געטראפן אויפן וועג צום עירפארט פארנדיג מיטן נסיעה טשארטער, אינאיינעם מיטן ראש ישיבה שליט"א

אין קאר, ווי כ'בין געפארן מיט נאך עטליכע אנשי שלומינו, האמיר געהאט געשמאקע שיחות חברים מיט די אנדערע אינגעלייט, און זיך אינאיינעם מחזק גענוען, זיך דערווסנדיג אז עס איז פאר אונז אלע די ערשטע מאל וואס מיר קומען צום רבין, אשרינו!

מיר זענען אנגעקומען אין עירפארט, אריינגעטשעקט און דורך סעקיורטי, ווען יעדע מינוט דערזעט מען נאך א היימישע פנים און די עקסטאז שטייגט ביז'ן הימל, "דו ביסט אויך דא?!" יעדער קומט צום רבי'ן!

שטייענדיג ביים געיט, און ווארטנדיג אז מען זאל אנפאנגן ארויפגיין, צוגייט זיך די עולם אין א טאנץ, אשרינו, אשרינו, אז מיר האבן אזא רבי, אשרינו אז מיר פארן צום רבי'ן , אשרינו אשרינו.

ווי פארשטענדליך האט זיך די פליגער נישט געהויבן אין צייט, עס איז דאך חסידישע אידן, די עולם האט זיך צוביסליך באקוועם געמאכט, באטראכט די ערליכע פעקל וואס איז געליגן אויף יעדעמס פלאץ, די פאזל מיט א בילד פונעם ציון הק' , און עווענטועל האט זיך די פליגער געהויבן.

אויפן פליגער האט זיך געטוהן א היימישע מצב, א נארהאפטיגע נאכטמאל איז געווארן אויסגעטיילט, עס פארמירט זיך מנינים, קודם מעריב, און שפעטער סליחות און שחרית.

## ביים הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע

דאנערשטאג מיטאג האמיר ב"ה געלאנדעט אין ריישא עירפארט, אפגענומען די געפעק, און ארויף אויף די באסעס אויפן וועג קיין ליזענסק, ווי מען האט זיך אפגעשטעלט פאר עטליכע שעה, עס איז געווען צוגעשטעלט א הערליכע סעודה פאר'ן גאנצן ציבור, א געשמאקע מקווה, און מען האט געהאט די געוואלדיגע זכי' צו מתפלל זיין ביים הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע.

שפעטער ביינאכט זענען די באסעס ארויסגעפארן קיין פשעמישיל צום באן סטאנציע, מען האט געדארפט ווארטן א היבש ביסל ביז די סטאנציע האט זיך געעפענט און מען האט געקענט אריינגיין צו ארויפגיין אויפן באן, דערווייל האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעזאגט סליחות מיטן גאנצן עולם.

## ענדליך קיין אומאן

אין די שפעטע נאכט שטונדן האט זיך די באן ארויסגעלאזט קיין אומאן! אההה, די התרגשות קען מען גארנישט באשרייבן, מען פארט שוין ענדליך קיין אומאן, צום הייליגן רבי'ן, אט אט, זענען מיר דא!

אויף אלע וועגן קומענדיג קיין אומאן האב איך מיך נישט געקענט גענוג אנזעטיגען די אויג פון דאס בילד, ווי עס שלעפן זיך אלטע אידן, קליינע פיצלעך קינדער, אלעס פארט מיט מסירות נפש צום הייליגן רבי'ן, אלע גלייבן אינעם רבינ'ס הבטחה און אלע ווילן זוכה זיין צו א זיס לעכטיג יאר, און צו די הבטחה וואס דער רבי האט צוגעזאגט.

שחרית האט מען געדאווענט אויפן באן, און פרייטאג נאכמיטאג זענען מיר ברוך השם אנגעקומען צום עיר הקודש אומן, ארויף אויף די היכל הקודש באסעס און געפארן דעם קורצע וועג צום בנין.

## מען קומט אן צום בנין אין אומאן

אנקומענדיג האט אונזער אלעמען באליבטע חבר מו"ה מרדכי ראזענבערגער הי"ו אפגעווארט דעם עולם מיט זיין זיסע שמייכל, מיר האבן באקומען די קארטל און אונזער צימער, און זיך געגאנגען אנגרייטן צום שבת.

איך וויל דא פאר א מינוט זיך אפשטעלן און ארויסברענגען א נקודה.

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט זייער אסאך מאל אין די דרשות און שיעורים אז "ביי אונז אין בנין איז גארנישט צוגעשטעלט, מען געט נאר די מינומום" און מיט דעם מחשבה אין קאפ האב איך מיך פארגעשטעלט צו טרעפן עפעס א האלב איינגעפאלענע בנין מיט די מינימאלע געברויכן, אבער וואס איך האב איינגטליך אנגעטראפן האט מיך געכאפט אין סופרייז, הערליכע צימערן מיט באקוועמע בעטן, שאפעס, בתי כבוד, פראכטפולע מקווה, העכסט גוטע עסן צוגעשטעלט משך די גאנצע צייט, סערווירט ב'כבוד'יג און בע'טעמ'ט, א היכל ביהמ"ד מיט אלע צוגעהערן, אלעס, און אלעס, קע"ה,

א גרויסע יישר כח פאר אלע עסקנים , די חשובע אינגעלייט און בחורים וועלכע געבן זיך אוועק וואכן פארדעם, און פארשטייט זיך בעשת מעשה, די זכות זאל אייך ביישטיין.



### א שבת ביים רבי'ן

עס איז שוין געווען גאר נאנט צום שבת, דער עולם איז זיך געגאנגען גרייטן צום שבת, מקווה, טועמי', א טייל האבן נאך אריינגעכאפט צו זיך אריבערכאפן צום ציון אזוי ווי דער ר"י שליט"א לערנט אונז אז ווען מען איז אין אומאן זאל מען גיין יעדן טאג לכה"פ איינמאל צום ציון.

איך בין געגאנגען אין ביהמ"ד אריין, שכח אייבערשטער אז איך האב מיך געקענט איינהאנדלען א גאר גוטע זיץ משך גאנץ שבת און יום טוב הארט נעבן דעם ר"י שליט"א, און אזוי ארום מיטהאלטן די עבודת הק', און ב"ה ארויסגענומען פיל שיינע חיזוק און מעשי רב משך די פאר טעג.

נאכן דאווענען האט דער גבאי מו"ה יואל לעווי הי"ו פון בני ברק אויסגערופן אז צוליב וואס די עולם איז אויסגעמוטשעט פון די שווערע וועג, וועט מען נישט דורכגיין זאגן גוט שבת, נאר תיכף גיין צו די סעודה.

דער עולם איז אריין צו די הערליכע שאטער פון די סעודות, צוגעשטעלט דורך די געטרייע רענט קאמפיין, דער ר"י האט געזינגען די זמירות און געמאכט קידוש, די סעודה האט דער ר"י געפירט מיט א זריזות זיך רעכענדיג מיטן ציבור,

שבת אינדערפרי האט דער אייבערשטער געהאלפן אז איך בין אויפגעשטאנען פרי, און כ'האב מיך געגרייט צו גיין צום ערשטן מאל צום הייליגן רבינ'ס ציון, אבער ארויסגייענדיג ווען עס איז נאך געווען פארטאגס, און האב איך אנגעטראפן הינט-וועלף, וועלכע האבן מיך אנגעפאנגען צו נאכגיין (זעט זיך אויס אז אפי' אין אומאן זענען דא מניעות...) בין איך צוריק צום בנין, און זיך געזעצט לערנען מיינע שיעורים כסדרן.

נאכן דאווענען איז דער ר"י ארויף אויפן סטעידזש און ארומגערעדט גאר שטארק איבער די געוואלדיגע זכי' וואס מיר האבן אז מיר זענען געקומען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, און געגעבן גאר א לאנגע און שטארקע שמועס איבער שלום בית, איך בין ארויס פון התפעלות, עס איז די ערשטע דרשה דעם יאר אין אומאן און וואס איז די נושא, שלום בית? יא! ווייל ביים רבי'ן איז דאס געווען א יסוד גדול, און דאס איז ביי אונז א עיקר, ברוך השם.

דער אמת איז, אז איך געדענק נישט צופיל פון די שמועסן און שיעורים משך די שבת און איך גלייב אז עס איז שוין פארשריבן געווארן דורך די חשובע חברים, איך קען נאר שרייבן וואס איך געדענק,

נאכן סעודה האט מיך מיין חבר געפרעגט: "אפשר גיימיר צום ציון", פארשטייט זיך, כ'האב מיך צוגעכאפט און געגאנגען. עס איז געווען עפעס וואס מען קען נישט אפשרייבן, מ'שפירט די גוטע געפיל אז איך בין געקומען צום רבי'ן, און ער זארגט פאר מיר.

שפעטער איז געווען מנחה, און שלש סעודות ווי מען האט געהערטווארעמע דברי התקזקות פון דער ראש ישיבה, דערנאך איז געווען מעריב און הבדלה.

### יעדער באריכט זיך מיט זיינע אוצרות

מוצאי שבת איז פארגעקומען די הערליכע מעמד מלוה מלכה, פארוואס איז דאס געווען הערליך? ווייל ביי אט די מעמד האבן זיך אויפגעשטעלטע צענדליגע אדער אפשר אפי' הונדערטע אידן, זיידע'ס,



אינגעלייט, בחורים, און אפי' קליינע אינגלעך און געמאכט כל מיני סיומים אויף אלע חלקי הש"ס, איי ווי לעכטיג איי ווי זיס, די מתנות וואס מען באקומט ביים הייליגן רבי'ן........

א טייל פון די מסיימים האט דער ר"י געבעטן אז זיי זאלן רעדן אפאר ווערטער, און עס איז געווען גאר רירנד צו הערן די סיפור התקרבות פון יעדעם איינעם, וויאזוי זיי האבן זוכה געווען צו אנקומען און זוכה זיין זיין צו שפירן א טעם אין די תורה מיטן רבינ'ס דרך הלימוד.

## הכנות צו ראש השנה

זונטאג משך די טאג איז פארגעקומען די ספעציעלע אומאן חדר, ווי די גאר געטרייע מלמדים האבן פארברענגט מיט די טייערע קינדערלעך, אזוי ווי דער ראש ישיבה וויל, אז מען זאל האבן א עינא פקיחא אויף די קינדער 24 שעה א טאג, שפעטער נאכמיטאג האט דער ר"י פארגעלערנט א דף שיעור, ווי נאכן שיעור איז געווען שיינע שמועסן מיט שו"ת איבער דאס גיין מתפלל זיין ביים רבינ'ס ציון, וויאזוי, וואס און וויפיל, ווי דער ר"י האט אלעס גענטפערט בטוב טעם ודעת.

ברם זכור לטוב, דארף איך דא דערמאנענען א חשובע אינגערמאן וואס איך געדענק אפילו נישט זיין נאמען, אבער ווען איך האב געזוכט איינער זאל מיך שערן לכבוד יום טוב, און איינער האט מיך צוגעוויזן אויף א געוויסע חשובע אינגערמאן אז ער האט אים געשוירן פריער און איך בין צוגעגאנגען פרעגן אויב ער קען מיך אפשר אויך שערן, נישט ווארטנדיג קיין מינוט, זאגט ער מיך "קום" און ער לויפט אראפ צום מקווה, און תיכף ומיד האט ער מיך אפגעשוירן, ווען כ'האב אים געוואלט באצאלן האט ער בשום אין אופן נישט געוואלט נעמען פון מיך, אבער שולדיג בלייבן האב איך דאך נישט געוואלט, צאל איך אים דא אפ.... א גרויסן יישר כח.

ווי שוין געמאלדן פון פאראויס איז סליחות זכור ברית געריקט געווארן אנשטאט ביי חצות צו פארטאגס, כדי אז מער מענטשן זאלן קענען מיטהאלטן, מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו, גבאי היכל הקודש קרית ברסלב, איז צוגעגאנגען צום עמוד און גאר שיין פארגעזאגט די סליחות. דערנאך האט מען געדאווענט ותיקין.

## שעות לאנג פדיון נפש

דערנאך האט זיך אנגעפאנגען די מעמד פדיון נפש ווי הונדערטער אידן זענען משך רוב שעות פונעם טאג אריבער מיט זייער פדיון ביים ראש ישיבה שליט"א וועלכע האט יעדעם אויפגענומען מיט א מאור פנים, אנווינטשנדיג פאר יעדעם כל משאלות לבם לטובה און א זיס לעכטיג יאר.

נאך פדיון נפש, בין איך געגאנגען צום ציון הק' צוזאמען מיט רבבות אלפי ישראל, געזאגט דעם תיקון הכללי, און פארזיכערט אז מען האט זוכה באקומען דעם תיקון וואס דער הייליגע רבי האט מבטיח געווען.

שפעטער האט מען זיך געגרייט אויפן הייליגע יום טוב, געגאנגען אין מקווה, אנגעטוהן די ווייסע יום טוב'דיגע קליידער און געקומען אין ביהמ"ד אריין, אהההה די נייע יאר איז דא!

עס איז מיר געווען גאר א גרויסע סופרייז צו זען ווי דער ראש ישיבה געבט זיך אפ מיט די קינדער די גאנצע צייט, מיט אזא ווארעמקייט און ליבליכקייט ווי א אייגענע טאטע, אשרינו.

# מיין ערשטע ר"ה



### ראש השנה ביים הייליגן קיבוץ

מען האט געדאווענט דעם לעצטע מנחה פון די יאר און דער בעל תפלה מו"ה אברהם הערש האט פארגעזאגט דעם אחות קטנה מיט די ספרדישע הברה ווי דער מנהג איז געווען ביי מוהרא"ש זי"ע און דער ראש ישיבה איז עס ווייטער ממשיך.

נאך מעריבית האט דער גבאי מו"ה יואל לעווי הי"ו פון ב"ב, אויסגערופן בשם דער ראש ישיבה, אז קיינער זאל בשו"א נישט רייכערן אינעם גאנצן שטח פונעם בנין, עס איז חילול יום טוב, און אזוי אויך געבעטן אז מען זאל נישט שאקלן די האנט, נאכדעם וואס דער ר"י האט געהאלטן נאך שעות לאנג אויפנעמען די עולם במשך דעם גאנצן טאג, און די האנט האט אים שוין זייער ווי געטוהן.

### לשנה טובה

דער עולם איז דורך ווינטשן לשנה טובה און כאטש דער ר"י איז שוין געווען גאר אפגעשוואכט איז געווען א חידוש צו זען ווי דער ר"י נעמט יעדעם אויף מיט אזא שמייכל און ווינטשט מיט אזא פריילעכקייט פאר יעדעם איינעם, און ענטפערט אויף יעדעמ'ס ברכה.

דערנאך איז געווען די יום טוב'דיגע סעודה, דער ראש ישיבה האט זיך ספעציעל צוגעיאגט און תיכף נאך די סעודה האט דער ר"י גאר שטרענג געוויזן פארן עולם נישט צו פאברענגען די צייט מיט נארישקייטן אין דעם הייליגן צייט, נאר זיך גיין לייגן צו קענען אויפשטיין מארגן ביים עלות.

### ראש השנה ביים ציון

ברוך השם אז איך האב זוכה געווען צו אויפשטיין פרי און גיין צום ציון באגלייטנדיג דעם ראש ישיבה, ברוך השם אז איך האב זוכה געווען איינע פון די טעג ראש השנה אינדערפרי צוצוקומען צום שטיין און זיך גוט אויסגעבעטן ביים רבי'ן פאר א לענגערע צייט.

די תפילות יום טוב זענען אריבער גאר דערהויבן און געשמאק, פאר אזא איינער ווי מיך וואס הערט די נוסח צום ערשטן מאל איז עס געווען פיל מיט חידושים, צום אלעם ערשט, די המלך מיט די קלאטשן, בכלל די גאנצע ווער וויאזוי דער ר"י דאווענט אזוי געשמאק און הארציג אז די הארץ עפענט זיך אויף און מען קען זיך גוט אויסוויינען, באזונדער די חלק פון די בא'חן'טע קינדערלעך וועלכע זיצן אויף זייערע באשטימטע פלעצער אינטער די אויפזיכט פון די איבערגעבענע מלמדים, און דאווענען מיט אזא זיסקייט און התלהבות.

עס איז מיר געווען גאר א גרויסע סופרייז צו זען ווי דער ר"י גיבט זיך אפ מיט די קינדער די גאנצע צייט, מיט אזא ווארעמקייט און ליבליכקייט ווי א אייגענע טאטע, אשרינו.

### אוי האט זיך עס געלוינט

וועלכע ווערטער זאל איך ניצן ביים ארויסברענגען מינע הרגשים פון שמחה, סיי ביידע טעג ביי תתקבל נאך מוסף און סיי די צווייטע טאג ביים סעודה ווען מען האט אנגעפאנגען טאנצן און שפרינגען אויף די דאן נייע ניגון, "אוי אוי אוי, אוי האט זיך עס געלוינט, אוי האב איך פארדינט!" אלעס האט געטאנצן און אלעס האט געשפרינגען!

צווייטע טאג יום טוב נאכמיטאג האט דער ראש ישיבה זייער שטארק אויפגעפלאמט די הארץ מיט ווארעמע ניגונים און מעורר געווען, אז מען פארט שוין טאקע אהיים, נישט קיין חילוק וואס עס וועט יעצט זיין, זענען מיר געווען ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, און דאס קען אונז קיינער נישט אין וועלט צונעמען, ס'בלייבט א זכות פאר אונז לנצח נצחים!

מוצאי יום טוב איז געווען די לעבעדיגע ריקודין ווי מען האט געטאנצן און זיך געפרייט פאר א לענגערע צייט אויף די געוואלדיגע זכי' אשר שם בגורלינו, צו זיין ביים הייליגן רבין אויף ראש השנה, דער ציבור האט זיך צוזאמגעפאקט און זיך ארויסגעלאזט אויף די לענגערע וועג, טאנצנדיג און שפרינגעדינג, **"ווער עס איז געווען ביי מיר אויף ראש השנה, דארף זיך זייער פרייען, אוי האט זיך עס געלוינט, אוי, האב איך פארדינט"!**

# קלאסיפייד

loop PLUMBING

Reliable plumbing solutions

917.202.1206

## צו פארדינגען פאר שמחת תורה

א גרויסע 4 בעדרום דירה צו פארדינגען פאר שמחת תורה.
אנטהאלט א שיינע גרויסע קאך, דיינונג רום, פלעי רום.

**רופט**

**347–563–0545**

Electrologist now conveniently local year-round, in Swan Lake.
Call to schedule your appointment
G. Felberbaum – Certified electrologist.

**845–363–8215**

## Phone services

We offer quality phone sales and expert repair services!
We also specialize in camera repairs.

**רופט יודל פעלדמאן**

**845–538–1114**

# מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה יואל מענדלאוויטש הי"ן

וזוגתו נעמי תחי'

## צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.




## און עד אין בלעטל
## ברענגט רעזולטאטן

845-379-1161

ads@bletelmagazine.com

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





בר מצוה פון הבחור יואל נ״ו בן מו״ה שמואל אליעזר פערל הי״ו אין קרית יואל - א׳ תבוא לאומאן





קריאת שמע ליינען פון הילד בן מו״ה יואל לעווי הי״ו אין תלמוד תורה בני ברק - א׳ כי תבוא לאומאן



דער מגיד שיעור מו"ה משה שמואל שטעסל שליט"א ביים אויסרופן די סיומים פון די בחורים פון ישיבת היכל הקודש ירושלים ביים ציון פון מוהרא"ש זי"ע אין יבנאל - ג' כי תצא




הכנות פאר סוכות ביים ביהמ"ד אין שטעטל - ד' כי תבוא לאומאן









די קינדער און בחורים ביים העלפן אויסליידיגן היכל דוד אין שטעטל צו קענען סקרעיפן לכבוד יום טוב - א' נצבים-וילך




סיום ספר המידות פון הילד אברהם יהודה הורביץ נ"י אין תלמוד תורה היכל הקודש בית שמש - עש"ק כי תצא




פארראכטן די דרעין סיסטעם ביים ביהמ"ד אין שטעטל - ד' כי תבוא לאומאן




תנאים פון החתן דוד אסקאל נ"י עב"ג בת מו"ה נתן קליין הי"ו אין יבנאל - ד' כי תבוא לאומאן

















**געשמאקע טריפ פון אלע תלמודי תורה היכל הקודש אין ארץ ישראל - ביים ארום פארן און ביים עסן מיטאג - ד׳ כי תבוא לאומאן**









ברית פון הילד בן מו"ה יואל לעווי הי"ו אין ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק בהשתתפות המשפיע הרה"צ רבי אלימלך בידערמאן שליט"א - ב' כי תבוא לאומאן





דער ראש ישיבה שליט"א ביים פארברענגען מיט די בחורים אין וואלנאט מאונטען פארק - ד' כי תבוא לאומאן

# א בליק צוריק

**טרעף צו וואס, ווען, וואו, און ווער איז דער בילד:**





## בילד פון פאריגע וואך:

מוהרא"ש זי"ע אין שטאט אומאן ביי סופיה פארק אין יאר תשמ"ז.

בס"ד
ראש השנה
אויסגאבע # 34

# אינדערהיים



## מיין טייערע מאן פאר געזונטערהייט

מ. פעדער

**ראש השנה ביים שכן**
מ. פאפנהיים

**א שעפעלע פארן אייבערשטן**
גאסט ארטיקל

**ווירקזאמע רפואות**
ש. פעלדמאן

רעסעפי
**Gourmet Meat**

# אינדערהיים






**בס"ד**
ראש השנה
תשפ"ז
**נומער 34**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
ל. לב
מ. סופר
מ. פעדער



**845.379.1161**

136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747

Inderheim@bletelmagazine.com
Kinderheim@bletelmagazine.com

קול ברסלב:
**212.444.9191**
אידישע שטוב:
**212.444.9169**

מ. פעדער



# מיין טייערע מאן
# פָאר געצונטערהייט

"...ברוך אתה ד' המבדיל בין קודש לחול."

ר' מענדל יאגט נאך אפילו נישט אן אויסצוטרינקען דעם וויין און אויסצולעשן דעם הבדלה ליכט, ווען מיטאמאל הערן זיך האסטיגע קלאפערייען אויף דער טיר.

אזוי ווי זיין ווייב און טעכטער זענען געווען פארנומען מיט'ן אוועקפאקן די שבת'דיגע זאכן, איז קיינער נישט צוגעגאנגען עפענען.

דערזעענדיג אז קיינער עפנט נישט די טיר, זענען די קלאפערייען נאר שטערקער געווארן; עס האט אויסגעזען ווי יענער אויף דער צווייטער זייט טיר פארלירט שוין די געדולד.

פארשטייענדיג אז דאס איז מסתמא עפעס וויכטיג, בעט ר' מענדל זיין ווייב זי זאל צוגיין צום טיר.

ווי נאר זי מאכט אויף די טיר, דערזעט זי פאר זיך א פרוי וואס קוקט אויס צו זיין זייער אנגעצויגן.

"קען איך רעדן מיט'ן דיין שליט"א?" פרעגט זי מיט א יאגעניש אין איר שטימע.

"איך בעט אייך איבער," זאגט איר די רעבעצין איידעלערהייט, "ער איז קוים אהיימגעקומען פון שול און יעצט געמאכט הבדלה. איז מעגליך איר זאלט צוריקקומען אביסל שפעטער?"

די פרוי האט אויסגעזען אין א פארלעגנהייט. "איך - עס איז באמת זייער וויכטיג," זאגט זי, כאילו זי באמערקט נישט די רעבעצין'ס שירצל און דעם האנטוך וואס זי האלט אין די הענט - וואס צייגט אז עס איז יעצט א פארנומענע צייט.

<

"דאס איז עפעס וואס קען מער נישט ווארטן," פארבייסט זי זיך די ליפן אנגעצויגענערהייט.

דער דיין, הערנדיג דעם אויסטויש פון ווערטער, רופט אריין די פרוי און פרעגט איר וויאזוי מען קען איר העלפן.

"דיין, איך דארף א גט!" זאגט זי מיט א דרינגענדער שטימע.

א שטילקייט לאזט זיך אראפ אויפן צימער. דער דיין פרובירט מיט וואונדער אויסצופרעגן די פרוי וואס פונקטליך עס גייט פאר.

"מיין מאן האלט נישט ביי גארנישט!" פלאצט זי אויס אין א געוויין. "איך האב אזוי שטארק געחלומ'ט און געהאפט צו האבן אן ערליכן מאן, א מאן מיט יראת שמים, א מאן וואס הייליגקייט האט ביי אים א חשיבות, אבער למעשה בין איך אריינגעפאלן," וויינט די פרוי.

דער דיין הערט אויס איר ווייטאג, און ווי מער זי רעדט ווערט ער אלץ מער צומישט. ער פרובירט צו דערגיין די נקודה וואס עס איז געשען וואס האט איר צוגעברענגט צו אזא מצב אז זי וויל זיך שוין יעצט גט'ן.

די פרוי דערציילט פארן דיין מיט צובראכנקייט אז יעדן פרייטאג צונאכטס, ווען דאס הויז איז שוין ריין און אלעס איז גרייט פאר שבת, גייט זי צינדן שבת ליכט מיט א דערהויבנקייט, דאס הייליגקייט פון שבת שוועבט אין די לופט. שטייענדיג אזוי ביי די ליכט, זעט זי איר מאן זיצן פאר איר און עסן מיט אפעטיט א טעלער טשאלנט. אט די געשעעניש שפילט זיך אפ יעדע וואך פונדאסניי, און זי פילט אז זי קען עס מער נישט אויסהאלטן.

"וואס איז די פראבלעם מיט עסן טשאלנט?" פרעגט דער דיין באמת פארוואונדערט.

"דאס ווייזט אז ער פארשטייט נישט די הייליגקייט פונעם מאמענט; די קדושה פון ליכט צינדן האט ביי אים נישט קיין שום חשיבות," ערקלערט די פרוי מיט ווייטאג.

דער דיין פארשטייט נאך אלץ נישט. "וואס וואלט איר ערווארטעט ער זאל טון בשעת'ן ליכט צינדן?" פרובירט ער צו דערגיין.

"איך וועל אייך ערקלערן," זאגט זי, "מיין טאטע איז זייער א חשוב'ער מענטש, ער איז עכט אן ערליכער איד. די וועג וויאזוי איך בין אויפגעוואקסן אלס מיידל איז, אז איך האב שטענדיג געזען ווי מיין טאטע מחשיב די געהויבענע צייט פון צינדן שבת ליכט."

**די ווערטער וואס קומען אונז ארויס פון מויל דורכאויס דעם טאג אומבאמערקטערהייט די דעות וואס מיר האלטן, דאס כאפן די קינדער אויף און דאס איז וואס עס בייט אריין אין זייערע ריינע מוחות.**

א שמייכל קומט ארויף אויף איר פארטרערט געזיכט רעדנדיג פון איר געשעצטן טאטן.

"מיין טאטע פלעגט נישט עסן קיין טשאלנט בשעת'ן ליכט צינדן; אין אזא געהויבענע צייט פלעגט ער לייגן תפילין"...

–

דער ראש ישיבה האט אמאל דערציילט די מעשה ביי א שיעור און ערקלערט, אז די נאטור פון א קינד איז אז ער קוקט ארויף אויף זיין טאטע און מאמע און ער האלט עולמות פון זיי.

דאס קינד אליין איז נאך צו קליין צו וויסן וואס עס איז ריכטיג אין לעבן, דעריבער נעמט ער זיינע עלטערן אלס א ביישפיל. אין זיינע קינדערישע אויגן זענען זיינע עלטערן די קלוגסטע און ערליכסטע מענטשן אויף דער וועלט, און וואס זיי טוען איז אין זיינע אויגן די ריכטיגע זאך.

וואס טאטע-מאמע קוקן ארויף - דאס וועט זיין חשוב אין זיינע אויגן; און וויאזוי זיי פירן זיך, האלטן און רעדן, דאס וועט דאס קינד מיטנעמען פארן גאנצן לעבן.

די גרעסטע חינוך פאר אונזערע קינדער איז אונזער אייגענע אויפפירונג און דער ביישפיל וואס מיר עלטערן געבן פאר אונזערע קינדער.

למשל, אויב א פרוי האט נישט ליב איידלקייט און זי פילט ווי זי איז באשטראפט מיט'ן גיין איידל אנגעטון, וועט דאס קינד אזוי אויפוואקסן און טראכטן: "אזא שאד מיר זענען געבוירן אין אזא משפחה, און דעריבער דארפן מיר גיין מיט אזא סארט צודעק אדער אזא סארט לבוש."

א קינד וואס וואקסט אויף מיט א ידיעה אז "א מחי' איז צניעות, א מחי' איז אידישקייט, א מחי' איז איידלקייט" - אזא קינד וועט ליב האבן צו גיין אנגעטון איידל און וועט דאס אליין וועלן.

לעצטנס איז געווען א מעשה מיט א דריי יעריג מיידל וואס לערנט אין בית פייגא; זי קומט אהיים פון קינדערגארטן מיט א ווייסן טיכל אויפן קאפ און מיט א שטראלנד פנים, און דערציילט איר מאמע מיט פרייד אז היינט איז זי געווען די 'שבת מאמע'.

די מאמע האט איר קאמפלימענטירט: "וואו, דו האסט אזא שיינע טיכל! דו ביסט שוין א עכטע מאמע!"

אבער דאס מיידל, מיט איר ריינער תמימות, רופט זיך אן צו איר מאמע: "איך בין נאכנישט קיין עכטע מאמע, ווייל איך האב נאך האר אונטער מיין טיכל; עכטע מאמעס האבן נישט קיין האר."

יא, די ווערטער וואס קומען אונז ארויס פון מויל דורכאויס דעם טאג אומבאמערקטערהייט, און די דעות וואס מיר האלטן, דאס כאפן די קינדער אויף און דאס איז וואס עס גייט אריין אין זייערע ריינע מוחות. (פארשטייט זיך אז די קרעדיט קומט אויף פאר די מוסדות, אבער אז די עלטערן און די מוסדות זענען אויפן זעלבן פעידזש און שעפן חיות פונעם זעלבן פלאץ, איז דאס דאס מערסטע געזונט פארן חינוך פון די קינדער).

און אזוי איז אויך יעצט, ווען מיר שטייען ערב ראש השנה און מיר שיקן אונזערע טייערע מענער קיין אומאן: לאמיר עס טון מיט א שמחה און א געשמאק, און מאכן א מצב פונעם פארן קיין אומאן, ווייל דאס איז וואס אונזערע קינדער וועלן מיטנעמען.

אויב דו וועסט זיין די "נעבעכדיגע פרוי" וואס בלייבט אליין אינדערהיים און איז פארביטערט א גאנצן יום טוב - דאס איז וואס עס וועט אריינגיין אין די קינדער. אבער אויב דו וועסט מאכן א מצב פון אומאן, מיט'ן פאקן די רענצלעך, אנגרייטן מיט די קינדער האניג-קיכלעך, אדער וואס עס איז נאר פאסיג פאר יעדער פרוי לויט איר שטייגער, וועט עס זיין ביי די קינדער א פריילעכע זאך, עפעס אויף וואס זיי וועלן שוין ווארטן א גאנץ יאר; און די טעכטער וועלן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ארויסשיקן זייערע מענער פרייליכערהייט.

וויאזוי קענען מיר דאס באווייזן? פארשטייט זיך אז נאר מיט תפילה. לאמיר בעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן זוכה זיין ארויסצובאגלייטן אונזערע מענער מיט א שמייכל, און אז די גאנצע אטמאספער ארום די נסיעה צום הייליגן רבי'ן זאל זיין פרייליך און געשמאק, אז די קינדער זאלן שוין ווארטן אויף די צייט. עס איז נאכנישט צו שפעט, יעדע תפילה מאכט אויס, און אויב דו ווילסט קענסטו שוין אנהייבן בעטן פאר'ן קומענדיגן יאר...



ש. טראכטער



# המלך!

איך האב פרובירט סארנא מעטאד, אבער למעשה האט מיר מיין מומע מסביר געווען אז סארנא איז נאר א 'בענדעיד'. דורך טון סארנא היילט מען נישט דעם יסוד.”

”מיין מומע קען העלפן אויף א-ל-ע-ס!” דערציילט זי מיר מיט ברייט-געעפנטע אויגן.

מיינע ליפן שעפשען שטיל צו זיך: ”אלעס... איז דער אייבערשטער.” איך זאג עס אבער נישט הויך... מען ווערט דאך טראכטן אז... אז? אז א איד דארף דאך אזוי טראכטן! נישט אזוי? אבער דאס איז גלות.

”און וואס איז דער יסוד?” פרעג איך, בשעת מיין הארץ קלאפט שנעל.

”אה, מיין מומע האט מיר מסביר געווען אז סארנא ארבעט אויף דעם מח פון דעם מענטש. אבער עס איז דא עפעס וואס ארבעט אונטערן מח. דער מח פירט נאר אויס די באפעלן פון די נערוון סיסטעם. און כדי אנצוקומען צום שורש פונעם פראבלעם, דארף מען גיין צום מקור.”

”מקור... דער מקור איז דער אייבערשטער...” שעפשע איך צו זיך אינעם מוח, פרובירנדיג צו געדענקען

אז איך האב אמאל געקענט א קלארן!

און זי איז מיר מסביר בטוב טעם ודעת אז סטרעס קומט פונעם מח, וואס קומט פון די נערוון סיסטעם. און וואס העלפט? אה, א גוטע דייעט, געוויסע עקסערסייזעס, אטעמען טעכניקן, וכדומה...

"למשל, מיין דריי-יעריג קינד ליידט שרעקליך אויף ווערים... וועל איך דעריבער יעצט טוישן צום קייראפראקטער וואס היילט די נערוון סיסטעם, און איך וועל... און 'איך' גיי... און 'איך' האלט..."

די ווערטער האבן מיר ממש געקריצט אין די אויערן ווי 'טשילס'... וואס קען מען טון? אז מען איז געוואוינט צו הערן דיבורי אמונה טאג און נאכט, הערט זיך עס אין די אויערן ממש ווי א שטיקל כפירה, א מרידה אין מלכות שמים (זייט מיר מוחל פאר די שארפקייט, איך שרייב דעם ארטיקל בלויז צוואנציג מינוט דערויף).

ואת חטאי אני מזכיר... געווענליך שמייכל איך און איך זאג שטילערהייט 'אשרינו שזכינו'... דא האב איך זיך פארלוירן. באמת האט עס נישט אויסגעפעלט, אבער אזוי איז געשען. איך טו תשובה... איך הייב אן פון יעצט!

"און וואו קומט אריין דער אייבערשטער?" פרעג איך איר.

זי קוקט מיר אן מיט גרויסע אויגן... "וואו קומט דא טאקע אריין דער אייבערשטער?" וואונדערט זי זיך. "נאכאמאל, דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט רפואות אין די בריאה... דער אייבערשטער האט וועגן זיך צו היילן..."

"און אויב איך האב סטרעס ווייל עס גייט מיר נישט מיט שידוכים פאר מיינע קינדער, אדער איך מוטשע זיך מיט א קינד, אדער דאס שלום בית דארף א ישועה, וועט מיר העלפן עסן געזונט? וועט מיר העלפן אטעמען טיף? ווער ברענגט מיר דעם סטרעס?"

איר ענטפער: "קוק אהער, יעדער האט זיין מהלך און יעדער טוט וואס עס ארבעט פאר אים. יעדער איז בארעכטיגט צו טון וואס העלפט אים. דו קענסט גיין דיין וועג און איך וועל פרובירן מיין וועג!"

איך בייס די ליפן, די ווערטער און די טרערן שטייען מיר ביים ברעג. "מיין וועג? דיין וועג?! אונזער וועג!!! דער אידישער וועג!! דער וועג פון די אבות און די אמהות! ליבער טאטע, ווי ווייט זענען דיינע זיסע, ליכטיגע, הייליגע און ריינע קינדער געפאלן?! טאטע, עס איז צייט זאלסט אונז אהיימנעמען, מיר זאלן זוכה זיין צו התגלות השכינה."

טייערע חבר'טע, וואלט די פרוי געווען א שכן אדער א חבר'טע, וואלט איך אראפגעלייגט און שפאצירט ווייטער; געטראכט אז איך ווייס נישט פון וואו זי קומט, איך קען איר נישט דן זיין, איך קען נישט איר שטוב פון וואו זיך איז אויפגעוואקסן וכדומה... אבער ווייל דאס איז געווען גאר א נאנטע משפחה מיטגליד וואס איז אויפגעוואקסן מיט אזא אייזן-שטארקע אמונה, מיט עלטערן וואס האבן געאטעמט אמונה... און איר מאן זיצט ביים כותל המזרח אין בית המדרש, און זי אליין איז א געלונגענע היי-סקול לערערין וואס מען שלינגט מיט דורשט אירע שיעורים... און אין לבוש און מהות איז זי זייער "חסידיש און פרום", האבן די ווערטער מיר ארויסגענומען פון מיין גלייכגעוויכט.

איך שרייב דעם אמת, איך האב געשפירט ווי מיין בלוט קאכט מיר זייער. איך האב פרובירט צו טראכטן אויב דאס איז כעס, אדער איז דאס מקנא זיין לשם שמים ווי פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן. יעצט שרייבנדיג די שורות קומען מיר טרערן אין די אויגן... איר ווייסט וואס דאס איז? דאס איז גלות. דאס איז די פארלוירענע מלכות.

קען זיין איר טראכט אז איך טרייב איבער, אבער דער אמת איז אז דאס איז דער גרעסטער גלות: אז אידן שומרי תורה ומצוות מיט שיינע בגדים, מדקדק בקלה כבחמורה דרייען זיי זיך ארום און טרינקען פון פארסמ'טע קוועלער אנשטאט פון די לויטערע אמונה. אלעס, אלעס, נאר נישט דעם עיקר.

איך האב זיך נישט געקענט איינהאלטן און זיך אויסגעדרייט צו מיין טייערע ליבע מאמע תחי' און איר געפרעגט: "ווען די עלטער-באבע האט זיך געמוטשעט מיט א קינד, איז זי געלאפן ארום די שטאט אדער צו איר תהלים?"

נעמט מיר נישט ראנג, מען מעג טון השתדלות, מען דארף טון השתדלות, מען טאר נישט לעבן מיט הפקרות. דער זעלבער רבי, וואס האט אונז אזוי מזהיר געווען אויף אמונה, האט אונז אויך געזאגט אז איינער וואס גייט נישט קיין וואקסינען פאר די קינדער (אין יענע יארן ווען עס איז געווען א סכנה נישט צו געבן) איז א רוצח.

אוודאי דארף מען טון, אבער ווי האט רבי נתן געזאגט: "די וועלט זאגט אז אויב מען טוט העלפט דער אייבערשטער, און איך זאג אז אויב דער אייבערשטער העלפט קען מען עפעס טון."

אבער אז מען קען שמועסן מיט א מענטש, נאכדערצו ווען ער רעדט פון א פראבלעם וואס מען מוטשעט זיך, און בטעות קומט נישט ארויס דאס ווארט "אייבערשטער"? אוודאי העלפט דער אייבערשטער, אבער...? אבער וואס? איז אלעס אונטערוווארפן אונטער מזל, מקרה און טבע?

דער הייליגער רבי זאגט אין ספר המידות - אמונה (אות כ') אז אויב א מענטש לעבט מיט אמונה און מיט "אל תהי בז לכל אדם" (נישט פארשעמען א מענטש), דאן איז זיין ברויט ווי די גראזן וואס היילן און זיין וואסער ווירקט ווי מעדיצין.

עס וואונדערט מיר, איך האלט שוין מיט מיט דעם פרוי עטליכע יאר ווי זי מוטשעט זיך; האט זי פרובירט צו נעמען עטליכע מינוט א טאג און בעטן דעם אייבערשטן: "באשעפער, מאך מיר א נס מיט מיין קינד"? ניין, איך ווייס אז נישט. און איך ווייס אז זי איז נישט שולדיג, זי איז טייער און הייליג. איך קען איר פערזענליך, איך שעץ איר און לערן זיך פון איר.

נאר וואס דען? מיר זענען אין גלות, אויסגעשפרייט צווישן די פעלקער, און ליידער קריכט זייער מהלך אריין צווישן די ריינע הערצער פון אידישע קינדער.

א איד איז אינגאנצן אן אנדערע קאטעגאריע ווי די אומות העולם. א איד האט אן אנדערע נערוון סיסטעם, סטרעס מענעדזשמענט, פעין מענעדזשמענט און פסיכאלאגיע ווי א גוי. די מהלכים פון א גוי ארבעטן נישט פאר א אידישע נפש.

אין ברסלב איז מען בכלל נישט קעגן טעראפי און הילף, מען איז פשוט "פרא" אמונה. אז דו העלפסט זיך מיט אמונה און אויך עפעס דערצו - זייער שיין. מען דארף נישט ליידן פון עקזעמע און זיצן מיט פארלייגטע הענט, אבער מען מוז געדענקען אז אלעס קומט פונעם אייבערשטער, והוא יחיד ואין יחידות... און אז ער איז הוא ראשון און ער איז הוא אחרון. ער איז פאר סארנא און נאכן קייטל-דרייער. נאר ער איז א כל יכול, נישט די מומע און נישט דער קייראפראקטער.

דער רמח"ל זאגט אז עס זענען פאראן פינף מדריגות אין די בריאה: עס איז דא דומם, צומח, חי, מדבר, און דאן איז דא "א איד!" א איד איז אינגאנצן אן אנדערע קאטעגאריע ווי די אומות העולם. א איד האט אן אנדערע נערוון סיסטעם, סטרעס מענעדזשמענט, פעין מענעדזשמענט און פסיכאלאגיע ווי א גוי. די מהלכים פון א גוי ארבעטן נישט פאר א אידישע נפש. א איד'ס גוף, רוח און נשמה היילט זיך נאר ווען ער באהעפט זיך מיט זיין באשעפער, מיט דעם תכלית פארוואס מען האט אונז באשאפן.

ווי האט דער הייליגער רבי געזאגט: "ביי די וועלט איז אמונה א קלייניגקייט (אזוי זייטיג, אוודאי אמונה אבער... השתדלות), און ביי מיר איז אמונה דער עיקר (אוודאי השתדלות, אבער אמונה!!)."

...

מיין טייערע חבר'טע מאנשי שלומינו דערציילט מיר א מעשה וואס האט מיר שטארק מעורר געווען. זי זאגט מיר אז ווען זי איז געווען א קליין קינד, איז זי אמאל אהיימגעקומען און דערציילט פאר איר טאטע א מופת וואס איר חבר'טע האט דערציילט אז זיי האבן געזען ביי א געוויסן אדמו"ר. איר טאטע, וועלכער איז נישט געווען א חסיד פון יענעם רבי'ן, האט געשמייכלט און געזאגט: "נו, נו, אויך מיר א מופת...! די גמרא זאגט אז אפילו אויב א מענטש גלייבט אין א קאץ, וועט די קאץ אים אויך העלפן."

זי דערציילט מיר, אז זינט יענע מעשה איז איר אריין א ווארעם אין מח, פון וועלכע זי האט אפילו נישט געוואוסט, ביז עס איז געקומען דאס לעבן און מען האט געזוכט א מורה דרך. זיי זענען אנגעקומען צו היכל הקודש, צו די שיעורים, צו די ליכטיגע ריינע אלד-פעשינד אמונה, וואס אונזערע מאמעס און באבעס האבן אונז דערמיט געוויגט... זי האט אנגעהויבן הערן וועגן לעבן מיט א מורה דרך, נישט גיין אליין, וכו'.

דעמאלטס איז די ווארעם ארויסגעקומען... ווער זאגט? וואס מיינט עס? "אפילו מען גלייבט אין א קאץ ווערט מען געהאלפן"... (חכמים

הזהרו בדבריכם, זאגט אונז די משנה אין פרקי אבות; חכמים, עלטערן, זייט פארזיכטיג מיט אייערע רייד, טאמער וועט מען עס נישט גוט אפלערנען און די קינדער וועלן פארוואנדערט ווערן צו א פלאץ פון אומריינע וואסער - קשיות אויף די אמונה. עלטערן, קוקט ווי שטארק מיר דארפן זיך היטן פון אוועקנעמען די תמימות פון א קינד. אוועקנעמען גייט שנעל, אבער צוריקגעבן איז אן עבודה קשה, עס פארלאנגט אסאך אסאך טרערן.)

זי דערציילט מיר אויס איר חלישות הדעת. איך הער, אבער איך האב איר געזאגט אז איר טאטע איז גערעכט; אז די גמרא זאגט אזוי, איז עס טאקע אזוי. מיר האבן אויסגעשמועסט אז "אמונה" איז א מציאות. פונקט ווי עס איז דא אין די וועלט לופט און וואסער, אדער לאמיר זאגן נגינה - עס עקזיסטירט. דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אין די בריאה דעם כח פון "אמונה", צו גלייבן. יעדער גלייבט אין עפעס, און דער אייבערשטער האט געגעבן א כח אין דעם "גלייבן" אז עס העלפט טאקע.

נאר וואס דען? וואויל און גליקליך איז דער מענטש וואס איז זוכה צו נעמען זיין אמונה און עס נישט לייגן אין א קאץ, אין א דאקטער, אין א מומע, אין א געוויסע מעטאד אדער אין א דייעט. די עבודה פון א איד און די זכיה פון א איד איז, אז ער איז זוכה צו לייגן זיין אמונה דוקא אינעם אייבערשטן - נאר אינעם אייבערשטן און אין צדיקים.

יעצט זענען מיר פארוואגלט אין גלות און די שכינה איז ווייט, פארשטעקט און פארשעמט, און עס פילט זיך אמאל "סילי" אדער "יאנטשי" צו רעדן דיבורי אמונה. אבער ווען משיח וועט קומען, וועט די וועלט ווערן פול מיט דעם כבוד פונעם אייבערשטן, "ומלאה הארץ דעה את ה'", אלע וועלן וויסן און געדענקן אז "אלעס איז דער אייבערשטער, און דער אייבערשטער איז אלעס!"

ריכטיג, אין וואס דו גלייבסט וועט העלפן - דער רבי רעדט דערפון אין זיינע הייליגע ספרים - נאר גליקליך און געלויבט און קלוג איז דער איד וואס נעמט די "אמונה" און לייגט עס אריין דארט וואו א איד דארף עס ארייגלייגן. נאר ער האט א זיס, זארגלאז און אייביג לעבן.

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט כסדר נאך פונעם הייליגן בעל שם הקדוש זי"ע, אז אויב מען וויל שטראפן א איד, נעמט מען אים אוועק די אמונה. ווייל זאל זיין וואס זאל זיין, זאל קומען וואס עס קומט, אויב איך לעב מיט'ן אייבערשטן איז מיר גוט און גליקליך! דער הייליגער רבי מיט די פשוט'ע דיבורי אמונה נעמט אונז פשוט'ע מענטשן און הייבט אונז אויף צו די מדריגות פון צדיקים קדמונים, אז מיר זאלן זוכה זיין יעדן טאג צו זאגן: "איך ווייס נישט וויאזוי מען דאנקט דעם אייבערשטן אויף שלעכטס פונקט ווי אויף גוטס, ווייל איך האב קיינמאל נישט געהאט קיין שלעכטס אין מיין לעבן!" (דער הייליגער רבי זושא זי"ע).

אט שטייען מיר ביים הייליגן און גרויסן טאג ראש השנה. דער הייליגער רבי האט אונז געזאגט אז ראש השנה זאל מען טראכטן גוטס, אביסל וויינען, רעדן וויניג און זיין פרייליך. לאמיר אביסל וויינען אז מיר זאלן זוכה זיין ממליך צו זיין דעם אייבערשטן, צוריקצוקערן די פארלוירענע מלכות צום אמת'ן מלך. מיר גייען שרייען "המלך" הויך הויך, אלע אידן אינאיינעם, מאכן א קרוין און שרייען: "אייבערשטער, נאר דו! נאר דו אייבערשטער! איך וויל דאס קיינמאל נישט פארגעסן."

דו אייבערשטער ביסט אונטער מיין געזונט, סיי גייסטיש און סיי פיזיש; דו אייבערשטער ביסט אונטער מיין פרנסה, שלום בית, קינדער, רוחניות און גשמיות.

המלך! אייבערשטער! אני מאמין באמונה שלימה אז נאר צו דיר איז ראוי צו מתפלל זיין און נאר ביי דיר זאל מען בעטן. אני מאמין באמונה שלימה מיט מיין גאנצע אמונה - איך גלייב אינגאנצן, נישט אביסל אין דיר און אביסל אין "סארנא", נישט אביסל אין דיר און אביסל אין די "ספיינעל אליינמענט סיסטעמס", נישט אביסל אין דיר און אסאך אין די "קלענסינג פראצעס" פון די אינטעסטינס, נישט אביסל אין דיר און אסאך אין א בעל דרשן. איך גלייב, טאטע, אינגאנצן אין דיר, נאר אין דיר.

העלף מיר טאטע אלעמאל צו לעבן מיט אמונה, מיט א גאנצע בטחון, מיט א גאנצע, גלאטע, שטארקע און אומבויגזאמע אמונה! העלף מיר טאטע זוכה צו זיין צו א שנה טובה ומתוקה. עס איז נישטא נאך אזא זיס יאר ווי ווען מען איז זוכה צו קומען אונטער די פליגלען פון אמונה.

און מאך א תפילה פאר אלע אידישע קינדער, אז אלע זאלן שוין שפירן דעם טעם פון "לעבן מיט'ן אייבערשטן", דעם טעם פון התבודדות, שיחה בין איש ובין קונו, און שפירן צו וואס א מענטש קען צוקומען און זוכה זיין ווען זיין מח ווערט קלאר און ליכטיג... אלץ בזכות אמונה. זאלן מיר זוכה זיין דערצו אלעמאל. אמן!

# Gourmet Meat Lekovid Yom Tov

S. LEVY

רעסעפי פונדערהיים

This recipe could be used on most meats, for example, minute steak or flanken (single recipe for about 4 slices of meat). For medium size roast, make double the recipe.

## INGREDIENTS

1 cup orange juice
1/2 cup sugar
1 tbsp cornstarch diluted in 1/4 cup boiling water
1 tsp salt
1/4 cup wine
2 tbsp oil
1 tsp garlic powder
3 onions sliced

## DIRECTIONS

Bring to boil and cook for 5 min. Place onions in a lined pan, then put in meat and pour sauce over it. Cover with parchment paper (this helps keep moisture in, which makes meat softer), then cover tightly with foil and or cover. Bake at 350 for a good 3-4 hours! Enjoy!



**עס און שלאף,**
**מיטן אייבערשטן!**

**מוהרא"ש פלעגט זאגן: סוכות איז גאר מיין זאך. די מצות וואס מען טוט אין די סוכה איז דווקא די גשמיות'דיגע זאכן ווי עסן און שלאפן.**

סוכה ווייזט אז גשמיות און רוחניות גייט צוזאמען.

"סוכה" באטרעפט 91.

די 2 שמות "ה-ו-י-ה" וואס ווייסט אויף אלוקית, און "א-ד-נ-י" וואס ווייסט אויף אדון הארץ - גשמיות ווען מ'לייגט זיי צוזאמען באטרעפט אויך 91.

יעדע גוטע זאך וואס מ'מאכט לכבוד סוכות - גשמיות, איז אויך אייבערשטער - רוחניות

ש. ל. פליישמאן

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## ס'וועגט אראפ מיט א קראך

אונזער גרויסע גאט,
אויבן אין הימל האט,
א וואגשאל ספעציעל,
א אנדערע מין Scale.

עס איז אזא סארט וואג,
וואס פארנעמט די גאנצע פלאג,
פון א אידישע מאמע'ס טאג...

עס גייט ארויף אויף דעם,
זאכן נישט אזוי אנגענעם,
דווקא דאס איז מיין Fame!

א ווינדל נאך א ווינדל,
פון מיין טייער געזינדל...
עס ווערט אפגעוואויגן דארט,
ווי געווען עס וואלט,
כאטש א שטיק גאלד!

אויפן Scale ליגט אויך,
טעפ מיט פלייש און יוך,
וואס די קינדער האבן יא אדער נישט געגעסן,
וואס איז געבליבן אין Fridge פארגעסן...

אויך א ריזיגע בארג,
פון שאלאכטס פון עסנווארג...
ס'איז נישט קיין פשוטע Scale,

עס האט אויף זיך זעק מיט מעל...
פון אלץ וואס כ'האב דאס יאר געוונצט,
געקאכט, געבאקן, געשוויצט...

אויף די באטלעך Mr Clean,
האט מען געהאט אינזין...
זייפן פון אלע סארטן,
אויף מיין וואגשאהל דארטן...

עס וועגט אראפ מיט א קראך,
מיין אויפזיין מיט א קינד ביינאכט.
א גלעט אויף מיין קינד'ס וואונד,
וויפיל וועגט עס אין קילא / פונט?

אויף מיין וואגשאל מען טוט ברענגען,
וועש וואס כ'האב געטון אויפהענגען,
מיין דרייער, מיין וואש מאשין,
ברענגט מען אויף אהין.

ים'ען פון וועש, וועש, וועש,
פארפלעקטע און אויך Fresh,
אויך Dishes אן א צאל,
ארויף אויף מיין וואגשאל.

מיט די וואסער וואס כ'האב געשפריצט,

עס צו רייניגן פון שמוץ,
איך דערקען די שמאטעס,
וואס כ'האב געוואשן די באלאטעס...
אויף די בעטגעוואנט,
איז מיר וואויל באקאנט...

די ריסעס וואס כ'האב אנגעגרייט,
די שמייכל וואס כ'האב אויסגעשפרייט,
די פרוכט וואס כ'האב אויפגעשניטן,
אין געאיילטע לעצטע מינוטן...

ס'איז א List א לאנגע?
כ'האב נאכנישט אנגעפאנגען!
ס'איז נאך פיל פיל פארבליבן,
וואס בלייבט אומגעשריבן.

נאר דער אייבערשטער ער זעט,
וואס אין א אידישע הויז געשעט,
ביי אים איז אלעס אוועקגעלייגט,
אויפן Scale א הויפן שטייט!

וואס דו טוסט ארום די זייגער,
איז דיין שענסטע סניגור,
האסט געמאכט די בעסטע הכנה,
פארן יום הדין ראש השנה!

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9169**




# קאפשטיק

האלט קאפ, ס'קומט א שטיקל קאפ-שטיק.

דו גייסט אריין אין א הויז, ארויף דריי שטאק טרעפ, קלאפסט אין טיר, א קוש די מזוזה, און שפאצירסט אריין. דורכגייענדיג דעם אריינגאנג, דעם דיינינג רום, דעם ספרים שטוב, דעם שפיל שטוב, און דעם לאנדרי רום, קומסטו ענדליך אן צום בא'טעמ'טן קאך.

ס'איז א שטוב מיט א ווירטשאפט, און ס'זעט זיך אן אז דא וואוינט א פרוי וואס פארעט זיך און זארגט זיך פארן וואוילזיין פון איר משפחה. פארשידענע כלים, געצייג און עסנווארג ליגן אויפן קאונטער.

דו קומסט אביסל נענטער, ווילנדיג אויסשמעקן וואס ס'איז דא צו עסן, און פלוצלינג געבסטו א טרעט צוריק - פונקט ווי ביי שמונה עשרה ווען מען טרעט אפ. וואס? א טשאלנט טאפ אויפן קאונטער? ס'איז דאך מאנטאג נאכמיטאג!!

***

א מחיה! די זון בראט שוין טאקע נישט אזוי שטארק, נאר זי איז באגלייט מיט א פיינעם לופטל פון צייט צו צייט. דער וועטער איז פיין און געשמאק.

דו פרובירסט אריינצוכאפן נאך אביסל פון די ווארימע זון-שטראלן ווי לאנג זיי געבן נאך ארויס אביסל ווארימקייט, מיט וואס דו ווילסט זיך אנזאפן פארן קומענדיגן קאלטן און לאנגן ווינטער.

עס איז ממש א געשמאק צו פארברענגען סוף זומער אינדרויסן, אריינכאפן א שמועס מיט די שכנים נאכמיטאג. די קינדער פארברענגען

געשמאק אויף זייערע בייקס, קאטשקענען זיך מיט טשאלק, רינען זיך אן מיט אלע קאלירטע אייסיס, און שפריצן זיך אן מיט אלערליי וואסער-עקטיוויטיס. א מחיה!

דיין בליק פאלט אויף א קליין צוויי-יעריג קינד. א בחנ'טע מיידעלע, טאקע זיס און בא'טעמ'ט; אבער פארוואס קען זיך איר מאמע נישט צוזאמנעמען? פארוואס טראגט זי פידזשאמעס אינמיטן העלן טאג??

***

דו כאפסט זיך אויף. ס'איז פינף אזייגער, שרייט דער וועקער-זייגער מיט זיינע לעכטיג-גרינע אותיות אין די האלב-ליכטיגע, האלב-טונקעלע פרימארגן שעה'ן.

פינף אזייגער?

דו געבסט זיך א דריי אויס צו זען וואס האט דיר געשטערט פון דיין שלאף, פארוואס האסטו זיך יעצט אויפגעוועקט? דו זעסט ווי דיין מאן פארעט זיך מיט זיין וועש. אמת טאקע, ס'איז פינף אזייגער, און דיין מוח איז נאך גאנץ "סלאשי"; דו הייבסט אן טראכטן אלע סארט מחשבות. וואס טוט מיין מאן פינף אזייגער מיט זיין וועש?

איך געדענק טאקע נישט אים צו זען ארייגגיין אין בעט נעכטן נאכט, אבער עס איז דאך פינף אזייגער. איך געדענק אויך נישט ער זאל זיין ממש אזא צדיק אויפצושטיין פארטאגס גיין אין כולל...

***

א אינגערמאן לויפט ארויס פון דער ארבעט.

ס'איז זעקס אזייגער, ער וויל זיך האלטן צו דער צייט און אהיימקומען צו זיין משפחה. נאך קענען געבן א גלעט פאר די קליינע קינדער, זינגען מיט זיי קריאת שמע, און זאגן: "א גוטע נאכט - דער אייבערשטער איז דא, און דער אייבערשטער היט דיך"...

אזוי יאגנדיג זיך אויפן וועג, שפירט ער א קלאפ אויפן רוקן.

"נו, יוסי, וואס וועט זיין? אפשר דאך האסטו א טויזנטער וואס דו קענסט מיר היינט אפגעבן?"

ס'ווערט אים שלעכט. מען האלט שוין חודש סיון. דער אינגערמאן איז פארנומען זוכן, זיך נאכפרעגן, און אויסוועלן זיין בעסטע אפציע צו פארן קיין אומאן אויף ראש השנה צום הייליגן רבי'ן. טאג און נאכט איז ער פארנומען זען ווי מען קען שאפן געלט צו באשטעלן א טיקעט ביליג און באצייטנס.

און יעצט כאפט ער אזא קלאפ, מען בעט אים דעם טויזנטער. וואס טוט מען דא???

***

מען געזעגנט זיך פונעם הייליגן לעכטיגן יום טוב חנוכה.

ס'איז סוף חודש דעצעמבער. קריינדל טראגט אירע דריי מיידלעך צו א קליידער-געשעפט זונטאג נאכמיטאג. "עס איז גאר א פאסיגע צייט איינצוקויפן", ערקלערט זי פאר אירע טעכטער, "יעצט זענען אלע געשעפטן אויף סעיל. עס האט זיך שוין אנגעהויבן די סיזען ווען מען קען איינקויפן פאר האלב פרייז די קליידער וואס זענען מיט עטליכע וואכן צוריק געווען פארן פולן פרייז.

ס'איז באמת א שאד אויסצוגעבן אזוי סאך געלט ווען מען קען זיך אן עצה געבן מיט א סעיל", איז זי מסביר פאר אירע קינדער - וואס קענען שוין סיי ווי זייער מאמע'ס מהלך אין שאפינג און זענען היפש צופרידן דערפון.

זיי גייען אריין אין געשעפט און טרעפן דארט אסאך באקאנטע חבר'טעס און נאך פיל איינקויפער וואס זענען געקומען אויסכאפן די מציאות וואס דאס געשעפט האט ארויסגעלייגט. זיי פרובירן אן די קליידער און מאכן זיכער אז ס'איז גענוג לאנג און ברייט אריינצוּוואקסן דערין.

זיי זעען ווי זייערע חבר'טעס טוען דאס זעלבע, אבער קוקן נישט דווקא אז די קליידער זאלן האבן איבריגע פלאץ אריינצוּוואקסן. א שאד, א שאד, ביז א קורצע צייט וועט עס שוין זיין אויסגעוואקסן...

***

פארט זיך א יונגערמאנטשיק אין א ספארטס-קאר, האלב צוועלף ביינאכט, אויפן FDR. צוליב דער שפעטער שעה זעט ער א מאדנע זאך: דער FDR, וואס איז געוועינליך אנגעזעצט מיט קארס - באמפער צו באמפער - איז ליידיג.

ער דריקט אויפן גאז און הייבט אן רייסן נאך שנעלער. 'זאל זיין אזוי', טראכט ער צו זיך, 'ס'איז דאך א ספארטס-קאר, און איך קען עס יעצט גוט אויסנוצן צו פליען אויף די באמפי און לעכעריגע FDR ראודס.

איך וויל נאכיאגן און כאפן די קאר וואס איז אין פארנט פון מיר, כאטש איך זע נישט קיין קאר. פארוואס זאל איך דא בלייבן די איינציגסטע קאר אליין אויפן ראוד?' נאגט אים די מחשבה.

***

וויאזוי דו טראכסט, אזוי וועט זיין. אלעס איז אין קאפ, אלעס איז אין מוח.

**קענסט טראכטן, איך האב א מאן וואס פראווועט חצות, א גאנצע נאכט טוט ער באהאלטענע עבודות. ער פראווועט תיקון חצות און בעט אויף גלות השכינה...**

פארוואס זאלסטו טראכטן אז דו ביסט אונטערשטעליג, אז דו יאגסט נישט נאך און דו קומסט נישט אן? דו קענסט דאך אויסדרייען דיין מחשבה און טראכטן אז דו ביסט ביים שפיץ, ביים אויבן-אן, פון די ערשטע און פון די געלונגענע.

דער הייליגער רבי' לערנט אונז אויס אז אלעס ווענדט זיך אין דער מחשבה, וויאזוי דו טראכסט. איז דאך זיכער אז אויף זיך אליין דארף מען שטענדיג טראכטן גוטס, זוכן גוטס, און אין יעדן מצב אלעס אויסטייטשן לטובה, כאטש די נאטור פון מענטשן איז יא צו ציען אויף אראפ, צו עצבות, און צו זוכן נאר דאס שלעכטע און נעגאטיוו.

אין די צייטן פונעם בית המקדש, ווען א איד האט געטראפן א נגע אויף דער וואנט אין זיין הויז, אויב האט ער זיך אויפגעוועקט תשובה צו טון, איז ער געגאנגען צום כהן, באמת תשובה געטון און זיך מקבל געווען צו זיין גוט פון יעצט און ווייטער; דעמאלט איז דער נגע, דאס שלעכטע, איבערגעדרייט געווארן צו אן עונג - די זעלבע אותיות - צו א פארגעניגן. מען האט אויפגעבראכן די וואנט וואס האט געהאט דעם נגע, און דארט אינעווייניג איז געווען באהאלטן אן אוצר וואס דער איד האט באקומען אלס באלוינונג.

ס'איז נארמאל אז מען פאלט אמאל אדורך; אבער אז מען כאפט זיך צוריק און מען דרייט עס איבער לטובה, איז מען זוכה צו שפירן עונג, צו באגליקט ווערן, פריילעך צו זיין, און האבן א גוט און זיס לעבן.

***

פארוואס טראכטסטו מאנטאג אינדערפרי אז ס'איז אן אלטער טאפ טשאלנט אויפן קאונטער?

איך האב געהאט א חשוב'ע באבע, מיין מאמע'ס מאמע, וואס פלעגט א גאנצע וואךווארטן אויף שבת. זונטאג אינדערפרי האט זי שוין איינגעווייקט די טשאלנט-בונדלעך עס זאל זיין גרייט אויף שבת. ווען מען האט זיך אפגערעדט צו איר אז מען האט נישט וואס צו טון, פלעגט זי זיך ווערטלען און זאגן: "שטעל דיך אויפן קאפ!" ווי צו זאגן: געב זיך אן עצה, טרעף א וועג.

מיט דעם רבי'נס שכל איז עס דאך פשוט כמשמעו - אזוי ווי מען הערט:

**שטעל דיך אויפן קאפ.**

דער רבי האט געזאגט אז מען זאל טון סיי וואס צו ווערן פריילך; ליידיג גיין איז זיכער נישט קיין עצה, ווייל עס ברענגט צו נישט גוטע זאכן. דו האסט נישט וואס צו טון? שטעל דיך אויפן קאפ - טו סיי וואס עס וועט דיך מאכן פריילך. צומאל קען מאכן ממש head stands טאקע מאכן א מענטשן לאכן...

***

אלס קומפעטאררין דעם זומער, האב איך פרובירט וואס איך קען נאכצויאגן דאס פירן א שטוב אן זיך איבערצושטרענגען.

עס איז איין טאג אויסגעקומען אז איך האב נישט אנגעטון מיין קליין קינד פון אינדערפרי, ווייל זי גייט סייווי נישט ארויס און די פידזשאמעס זענען נאך געווען ריין. האב איך געטראכט: וואס איז שלעכט אז זי בלייבט אזוי איבערן טאג, זי איז דאך א קליין קינד? אבער ווען איך בין ארויסגעגאנגען צו די שכנים, האב איך זיך אנגעהויבן פילן זייער אונטערשטעליג. ווער קומט ארויס האלב זעקס פארנאכטס מיט א קינד וואס טראגט נאך די פידזשאמעס פון אינדערפרי, און די האר איז נאך נישט געמאכט?

ווען איך האב עס שפעטער אויסגעשמועסט מיט מיין שוועסטער, האט זי מיר געזאגט קלוגע ווערטער: "ווער הייסט דיך טראכטן אז דאס זענען די פידזשאמעס פון אינדערפרי? דו קענסט טראכטן פונקט פארקערט - 'איך בין אזא געשיקטע קימפעטארן, אז האלב זעקס האב איך שוין מסדר געווען מיין טאדלער מיט פידזשאמעס, אז ווען מ'קומט שפעטער אהיים זאל זי קענען גיין גלייך אין בעט'."

***

דיין מאן פארעט זיך פינף אזייגער פארטאגס מיט זיין וועש? דאנק דעם אייבערשטן און הייב אן טראכטן גוט: "וואו! איך האב א מאן, אן ערליכער איד, וואס וויל אויפשטיין צופרי און אנהייבן זיין טאג אויף די רעכטע פוס."

אויב דו פילסט ממש אז דו קענסט נישט אזוי טראכטן, ווייל עס איז בכלל נישט די מציאות, די נאטור, אדער דער שטייגער פון דיין מאן - דאן זוך עפעס אונטער

דער ערד. דו קענסט טראכטן: "איך האב א מאן וואס פראוועט חצות; א גאנצע נאכט איז ער אויף און טוט באהאלטענע עבודות, ער פראוועט תיקון חצות און וויינט און בעט אויף גלות השכינה..."

***

דער יונגערמאנטשיק וואס יאגט שוין אויף MPH 110 נאנט צו חצות הלילה אויפן FDR, און פרובירט נאכצויאגן די קארס פארנט פון אים כדי נישט צו זיין אונטערשטעליג אדער צוריקגעבליבן...

ווארט איין מינוט! ווער זאגט אז דו ביסט דער לעצטער? קוק דיך יעצט אן, און בליק נאר א רגע צוריק. דו ביסט שוין אנגעקומען אזוי ווייט, דו האסט שוין אזויפיל גוטס געטון; דו ביסט דער ערשטער! קוק ווי אונטער דיר קומען קארס וואס ווילן דיך נאכפארן און דיך אויסכאפן, ווייל דו ביסט אזוי גוט!

דו האסט שוין אזויפיל דערגרייכט אין דיין לעבן. כאטש יעצט, פאר איין מינוט, שפירסטו זיך אונטערשטעליג, אבער דריי אויס דיין בליק און זע אז דו ביסט פאראויס; דו מאכסט שריטן פאראויס אויף אזא שנעלן פארנעם!

***

דיין חבר'טע טוט אן קליידער וואס פאסן איר היינט, ווייל זי קויפט אירע קליידער "היינט אויף היינט". כאטש פון אנהייב ווינטער האט זי זיך געדרייט מיט אויסגעוואקסענע קליידער פון פאריאר, אדער מיט אירע זומער-קליידער וואס האבן איר נאך גוט געפיט, קויפט זי יעצט קליידער פארן יעצטיגן ווינטער. אמת, זי האט פארפעלט א האלבן סעזאן פון ניצן די נייע קליידער, אבער היינט איז זי אנגעקומען עס צו ערלעדיגן און האלטן "היינט אין האנט".

און דיין מאמע? זי איז דאך אזא קלוגע פרוי! אז מ'קען קויפן פאראויס, פארוואס דארף מען קויפן אויף צוריק? יעצט איז דא א מציאה און זי נוצט איר קאפ; חכם עיניו בראשו. זי קויפט יעצט גוטע מציאות און גרייט עס אן אויף איבערס יאר, אז ווען דער ווינטער וועט זיך אנהייבן זאלן אירע דריי מיידלעך האבן פונקטליך וואס זיי דארפן און וואס זיי גלייכן, און דערצו האט זי עס געקויפט פאר א האלבן פרייז.

***

יעדער מוטשעט זיך צו באצאלן און דעקן די הוצאות פארן הייליגן רבי'נס אומאן ראש השנה. דער זכות איז דאך אזוי גרויס און געוואלדיג, און דער רבי האט אויסגערופן אז **"ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס, קיינער טאר נישט פעלן".**

עס איז דאך אוודאי נישט קיין תכלית צו זאגן אז איך האב נישט קיין געלט און דערפאר קום איך נישט צום הייליגן רבי'נס קיבוץ. מצד השני האט דער רבי נישט געוואלט אז מען זאל מאכן חובות, ווייל עס שטערט שטארק פאר עבודת ה'.

יעצט צאלסטו אפ די חובות פון דיין פאריעריגן אומאן? דו שלעפסט דעם חוב מיט דיר שוין באלד א יאר?

אדער -

האסטו שוין אנגעהויבן צאלן פאר דיין קומענדיגן יאר טיקעט, כדי אנצוקומען צום רבי'ן אויסגעצאלט?

דער ראש ישיבה דערמאנט אלעמאל: "דו צאלסט דאך סיי ווי פאר דיין טיקעט קיין אומאן, פארוואס זאלסטו צאלן אויף צוריק? ווען דו קענסט זיך אביסל מצמצם זיין, מסדר זיין און אויסרעכענען, און אנהייבן צאלן אויף פאראויס."

***

עס איז ראש השנה; דער רבי האט געזאגט מען זאל א גאנצן יום טוב טראכטן גוט.

עס קומט א גוט יאר!

עס קומט א זיס יאר!

עס קומט א האניגדיג יאר!

א יאר פון שמחה, שפע, ברכה, נחת, געזונט, שלום בית, פרנסה און פאזיטיוויטי...

"הייליגער באשעפער, העלף אז דאס יאר זאל איך זוכה זיין צו זיין א קאפ און נישט א וויידל. איך זאל האבן א קלארן מוח צו טון וואס איך דארף טון פאר דיר, דיך דינען מיט א ריין הארץ און ריינע מחשבה, און נישט ווערן נאכגעשלעפט, פאריאגט און פארפלאגט, שטענדיג שפירנדיג ווי איך לויף נאך מיין אייגענעם וויידל. גיב מיר כח, טאטע, גיב מיר שכל, און העלף אז איך זאל אין יעדע מצב זוכן דאס גוטס, דעם 'קאפ', און עס אויפהייבן און אויסרימען, און נישט זוכן דאס שלעכטס און ווערן אראפגעשלעפט ווי א וויידל וואס ווערט צוטראטן אויף דער ערד."

אלעס איז דאך אין קאפ.

**יהי רצון... שנהיה לראש ולא לזנב.**

# הער א מעשה

צו איבערגעבן א מעשה פון תפילה רופא'ל. וואטסאפן 845-662-4083

## ח. ס.

קרית ברסלב

1. איך האב זייער אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז מיין שוועסטער זאל ווערן א כלה.

ס'איז דורך נאך א וואך און נאך א וואך פון תפילה. איך האב געוואוסט אז דער אייבערשטער וועט זיכער העלפן, אבער איך וויל שוין זייער שטארק זען די ישועה.

ביי יעדע געלעגנהייט איז דאס געווען א חלק פון די תפילות.

און שכח אייבערשטער, די מעשה פון תפילה און קריעת ים סוף איז ענדליך געשען, די ישועה איז אנגעקומען.

2. איך האב זייער שטארק געוואלט מיינע עלטערן זאלן קומען א שבת אין שטעטל.

איך האב געוואלט זיי זאלן זען די נחת פון די אייניקלעך אין די נאנט, און זען אז זיי לעבן דא אזוי פרייליך און געשמאק, אז ס'איז שוין יא דא אזא שיינע פלאץ וואו ס'איז אזוי געשמאק און די קינדער לעבן אזוי פרייליך און ערליך, זאלן זיי עס מיטהאלטן.

איך ווייס שוין פון אנדערע יארן אז מיין טאטע'ס ענטפער איז אז ס'איז אים באקוועם ביי זיך אינדערהיים.

אבער איך קען בעטן דעם אייבערשטן, אזוי ווי יעדע זאך וואס איך וויל בעט איך דעם אייבערשטן, קען איך יעצט אויך טון די זעלבע עצה.

איך רוף מיין מאמע, און זי זאגט אז אויב מיין טאטע איז מסכים, דעמאלטס וויל זי.

שכח אייבערשטער, ער האט מסכים געווען. און ס'איז געווען א הערליכע שיינע שבת.

3. ס'קומט א נייע סעזאן, און איך דארף נייע שיך פאר די גאנצע משפחה.

אזוי ווי ביי אלע קינדער געבענטשטע משפחות, ווייסט מען אז שיך איז גאנץ א גרויסע זאך צו ערלעדיגן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל אנקומען גרינג און טאקע טרעפן די גוטע שיינע שיך פאר יעדן איינעם.

איין טאג איז געווען א מעלדונג אז א שיך סטאר גייט קומען צו א נאנטע געגנט. איך האב באשטעלט אן אפוינטמענט, און איך האב זיך אליינס נישט געקענט גלייבן ווי שיין און גוט עס האט זיך אויסגעארבעט.

ווען מ'מופט פון סיטי צו שטעטל איז דא א גרויסע שאלה וואס יעדער פרעגט, וויאזוי וועסטו גיין שאפינג? אבער מיט אביסל תפילה טרעף איך עס אסאך מאל נאך גרינגער ווי פאר דעם.

די שיך סטאר איז געווען אין א גרויסע זאל, און איך האב געקענט גיין רואיג ביינאכט ווען מיין מאן איז עוועילעבל מיך צו טראגן און העלפן, אנדערש ווי אין שטאט ווען איך דארף טרעפן צייט צופרי און זיך ארייננשטופן אין א קליינע סטאר.

שכח אייבערשטער, אז מ'ווייסט די עצה פון תפילה, איז מען א געהאלפענע, און אלעס קומט אן אסאך געשמאקער.

## ר. קויפמאן
קרית יואל

שכח אייבערשטער אז איך קען זיין א לערערין אין בית פייגא, קרית יואל. איך האב געוואלט ארויסגיין מיט די מיידלעך שפילן אינדרויסן.

איין מיידל איז געקומען צו מיר אז זי קען נישט צומאכן די זיפער פון איר דזשעקעט. איך האב פרובירט איר צו העלפן, אבער ס'איז נישט געגאנגען.

אלע מיידלעך האבן צוזאמען געבעטן דעם אייבערשטן. שכח אייבערשטער, נאך אפאר מינוט איז עס געלונגען צו צומאכן.

## א שטענדיגע
ליינער

איך האב געמאכט שיינע איידעלע העירקאטס (געשניטן די האר) פאר מיינע צוויי מיידלעך.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל אויסקומען גוט און שיין.

איך האב צוגעזאגט אז ווער ס'וועט מיר זאגן אז די העירקאטס איז שיין, וועל איך זאגן אז ס'איז אין זכות פון תפילה. אזוי וועל איך מפרסם זיין די כח פון תפילה.

שכח אייבערשטער, ס'איז אויסגעקומען הערליך שיין, גרייט צו אנהייבן די נייע סקול יאר.

שכח אייבערשטער.

## פ. פארקאש
קרית ברסלב

פאר די זומער חדשים האבן זיך אנגעהויבן, האב איך זיך געטראפן אז ס'זעט אויס ווי איך וועל נישט האבן א גוטע דזשאב. איך האב יא געוואלט אויסנוצן די צייט און נישט סתם זיך דרייען ליידיג.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן א גוטע דזשאב, אבער נישט סתם געבעטן, נאר אויסגערעכנט אלע דעטאלן אז איך זאל פון דעם הנאה האבן און באקומען סיפוק.

איך האב צוגעזאגט צו מפרסם זיין די מעשה פון תפילה.

איך טרעף זיך יעצט די לעצטע טאג פון סקול, און איך דארף זיך געזעגענען פון מיינע צוקערדיגע תלמידות.

ס'איז באמת געווען אזא שיינע, לעכטיגע זומער, מיט אלעס וואס איך האב מתפלל געווען אויף דעם.

## א פרוי פון
ארץ ישראל

מיין חבר'טע האט מיר געבעטן צו קומען מיט איר קיין צפון אין די געגנט פון צפת. איך האב איר געזאגט אז איך וויל קומען, אבער איך וויל אויך אנקומען צו רבי מאיר בעל הנס אין טבריה און צו רבי שמעון אין מירון.

למעשה, נאכ'ן ארומגיין דארטן וואו מיין חבר'טע האט געוואלט גיין, האט אויסגעזען ווי ס'וועט נישט איבערבלייבן צייט צו גיין צו די פלעצער וואו איך האב אזוי שטארק געוואלט גיין.

אבער איך האב זיך נישט מיאש געווען, נאר געמאכט אפאר הארציגע תפלות.

און שכח אייבערשטער, מיר האבן נאך געקענט אנקומען צו די פאר פלעצער וואו איך האב זייער שטארק געוואלט אנקומען, און האב געהאט צייט זיך צו אויסבעטן.

מ. פאפענהיים

# ראש השנה ביים שכן




ענדליך איז די בעיבי איינגעשלאפן.

איך גיי ארויס פון צימער מיט שטילע טריט. זאל איך צומאכן די טיר? יעצט זענען די קליינע פארשפילט, אבער זיי קענען דאך אינמיטן אנהייבן זיך צו קריגן אדער וויינען, און דעמאלט וועט זיך די בעיבי אויפוועקן.

אבער אויב די טיר וועט זיין פארמאכט, וועל איך נישט קענען הערן ווען די בעיבי וויינט. צום סוף לאז איך יא אפן די טיר אביסל, און איך בעט דעם באשעפער אז די בעיבי זאל זיך נישט סתם אויפוועקן.

איך וועל יעצט ארויסנעמען די טעפלעך פונעם פרידזשידער און עס ארויפלייגן אויפן האט-פלעיט צו אנווארעמען, מען זאל באלד קענען גיין עסן די סעודה.

פאר ראש השנה, ווען איך האב געזען אז איך וועל דארפן עסן די בייטאג סעודות אינדערהיים ווייל ביי מיינע עלטערן וועט נישט זיין קיין פלאץ, איז עס מיר געפאלן זייער שווער.

איך האב געפילט אזוי דערשראקן און פארלוירן פון דארפן אליין פראווען א סעודה. יעצט אבער פריי איך זיך; איך ווייס נאכנישט וויאזוי איך גיי זיך אן עצה געבן, אבער נאך די נעכטיגע סעודה ביי מיינע עלטערן איז מיר גרינגער צו זיך דארפן אן עצה געבן אליין. און דאס איז שוין נאכדעם וואס ביי מיינע עלטערן טשעפעט מען בכלל נישט איבער ברסלב.

נאר דאס דארפן שטיין אין א זייט און מיטהאלטן ווי מיין ברודער קומט אהיים פון שול און גייט זיך די ערשטע זאך אנווווינטשן אזא קלינגעדיגע "לשנה טובה תכתבי ותחתמי" פאר זיין ווייב... און מיין שוואגער וואס האט דעם לעצטן זומער חתונה געהאט ווינטשט פאר מיין שוועסטער אזא פארלוירענע שטילע לשנה טובה...

שפעטער איז מען געזעצן און געווארט אז מיין עלטערער ברודער זאל אהיימקומען, ווייל ביי מיין שוועגערין'ס משפחה איז איינגעפירט ביי די באבעס און זיידעס ביז הונדערט און צוואנציג יאר, אז אלע אייניקלעך פון גרויס ביז קליין קומען ארויף זיך אנווינטשן.

אינצווישן איז מיין בעיבי שוין געווארן מיד און איז איינגעשלאפן, און איך האב געציטערט אז זי גייט זיך אויפוועקן אינמיטן די סעודה פונעם טומל, און נאכדעם ביינאכט נישט קענען שלאפן. וואס איז טאקע אזוי געווען...

ענדליך איז מיין ברודער אנגעקומען מיט זיין שורה בחורים און אינגלעך, בלי עין הרע, און די גאנצע פראווערײ פון זיך אנווינטשן האט זיך נאכאמאל אנגעפאנגען. דא האט מיין טאטע מיר באמערקט שטיין אזוי אין א זייט, האט ער רחמנות געהאט אויף מיר און מיר אויך אנגעוואונטשן.

האב איך געטראכט אז איך דארף נישט שטיין דארט אזוי און אויסרופן יעדנ'ס רחמנות. בין איך אריין אין קאך, למשל צו זען צי מען דארף נאך אנגרייטן די האניג, האב איך זיך אנגעטראפן אין מיין שנה-ראשונה שוועסטער זיך סוד'ענען מיט איר מאן.

איך בין שנעל צוריק אין שבת-שטוב, צו זען ווי מיין ברודער'ס אינגלעך און בחורים גייען צו מיין מאמע און ווינטשן איר אן, איינער ביי איינער, "לשנה טובה" אזוי זיס, ווארט ביי ווארט.

אויף א מינוט זענען מיינע אינגלעך מיר ארויפגעקומען אין געדאנק; מסתמא גייען זיי יעצט אריבער דארט אין אומאן און באקומען א וואונטש פונעם ראש ישיבה שליט"א, אדער אפשר עסן זיי שוין די סעודה? מסתמא ווילן זיי גיין שלאפן פרי צו האבן כח אויפצושטיין פארטאגס און ארויפגיין צום הייליגן רבי'נס ציון...

איך בין שיעור פארפלייצט געווארן מיט טרערן פון בענקשאפט. צו מיין מזל האט מיין טאטע ענדליך געגאנגען מאכן קידוש. די גאנצע סעודה איז גראדע געווען זייער געשמאק; מיין טאטע האט זיך אפגעגעבן מיט מיינע קליינע און זיי עקסטער געגעבן עפל מיט האניג. ס'איז נאר מיינע קאמפלעקסן אז איך דארף אנקומען צו מיין טאטע, ווען יעדער איינער דא האט איר מאן...

יעצט פריי איך זיך צו זיין ביי מיר אינדערהיים. דא קען איך לאכן און וויינען און זיך בענקען אן זיך צו דארפן פארענטפערן פאר קיינעם.

די טעפלעך ליגן שוין שיין אויפן פלאם. ביז עס ווערט ווארעם, זאל איך אביסל דאווענען? אדער בעסער שפילן און דערציילן א מעשה פאר די קינדער?

א קוויטש רייסט איבער מיינע געדאנקען. "מיינע! מיינע!" שרייט מיין צוויי-יעריגע. זי קומט צולויפן מיט הילכיגע וויינערייען: "יוסי נעמט צו!!!" לכבוד די קולות הערט זיך שוין אויך א געוויין פונעם שלאף-צימער... די בעיבי איז שוין אויף... איך קען פארגעסן פון



דאווענען עפעס; ביז יעדער בארואיגט זיך, און ביז יוסי גייט שוין זיין זייער וואויל און מער קיינמאל נישט צונעמען, קען מען שוין גיין עסן. אפילו צו דערציילן א מעשה און זיין די גוטע מאמע האב איך נישט אנגעיאגט.

איך גרייט אן דעם טיש און איך גיי אראפנעמען דעם הייסן טעפל פונעם פלאם, ווען איך הער עפעס א פארדעכטיגטע שראך... איך דריי זיך האסטיג אויס און עס ווערט מיר שווארץ פאר די אויגן...

א פריינדליכע שווארצע באג קריכט מיר אנטקעגן. איך גיב אזא קוויטש און לאז אראפ דעם הייסן טעפל אויפן קאונטער. מיין בעיבי דערשרעקט זיך און הייבט אן צו וויינען.

מיין בלוט ווערט פארפרוירן אין די אדערן. באשעפער! וואס טו איך דא???

די באג דערשרעקט זיך נישט און קריכט אלץ נענטער...

באשעפער, זי קריכט באלד ארויף אויף מיין בעיבי!!! איך לויף צו און גיב א כאפ מיין בעיבי און לויף אוועק. איך לויף אריין אין ממ"ד (מרחב מוגן דירתי - א ספעציעלער שוץ-צימער אין א הויז וואס איז מיט ספעציעלע טירן און פענסטערס, צוגעגרייט צו באשיצן אין פאל ווען עס פליען ראקעטן פון די ארומיגע לענדער אין ארץ ישראל. זאל דער אייבערשטער באשיצן אלע אידישע קינדער) און איך פארמאך שנעל די דיקע טיר.

די טיר וויל זיך אבער נישט פארמאכן גוט; איך פרוביר איינמאל און נאכאמאל, מיין בעיבי רייסט זיך פאר געוויין אין די צווייטע האנט.

באשעפער! עס גייט נישט! איך לייג אראפ מיין בעיבי אויף דער ערד, און ענדליך מיט ביידע הענט קען איך גוט פארמאכן די טיר.

עס ווערט הערמעטיש פארקנאקט אן

**אויף א מינוט זענען מיינע אינגלעך מיר ארויפגעקומען אין געדאנק; מסתמא גייען זיי יעצט אריבער דארט אין אומאן און באקומען א וואונטש פונעם ראש ישיבה שליט"א.**

קיין שפאלט; דא וועט די באג זיכער נישט קענען אריינקריכן פון קיין שום לאך.

מיין אטעם בארואיגט זיך צוביסלעך און אויך מיין בעיבי. איך קוק זיך ארום און הייב אן צו כאפן וואס עס טוט זיך. איך זיץ דא פארקנאקט, מיין מאן איז אין אומאן, צי גיי איך דא דארפן ווארטן ביז ער קומט אהיים און ער וועט מסדר זיין דעם שרעק דארט?

איך פיל פלוצלונג א שטארקע דארשט. געוואלד! איך האב דא נישט קיין וואסער, קיין עסן... ווילאנג וועל איך קענען אזוי אויסהאלטן?

עס ווערט מיר הייס, מיין בעיבי וויינט שוין ווידער. מילא איך בין דא פארמאכט, אבער וואס דארף מיין אומשולדיגע בעיבי ליידן? וואס זאל איך בעטן דעם אייבערשטן? אז איך זאל קענען ארויסגיין און אליין אוועקנעמען דעם באג, אדער אז איך זאל איבערלעבן די פאר טעג פארמאכט דא אין צימער?

"מאמי! אוואו ביסטו???!!!" ווי געשריגן! איך האב איבערגעלאזט יוסי און פייגי אליין אומבאשיצט אינדרויסן!!! זיי זוכן מיר יעצט ארום אין די גאנצע הויז. וואספארא סארט מאמע ביסטו, אזוי צו לאזן הפקר דיינע קינדערך??

איך האב נישט קיין ברירה, איך מוז עפענען א שפאלט אין די טיר. איך דריי אראפ די קלאמקע און די דיקע טיר טאנצט אויף. "יוסי! פייגי!" - שריי איך אויס - "מאמי איז דא!" זיי הערן מיר און קומען צולויפן.

יוסי קוקט מיר אן מיט זיינע גרויסע אויגן: "מאמי! פארוואס באהאלטסטו זיך? ס'איז דא א באמבע?"

"ניין," - ענטפער איך טרייסלענדיג - "ס'איז דא א גרויסע באג אין קאך. קומט שנעל אויך אריין, די באג קען נאך קריכן אויף אייך!"

א פייערל צינדט זיך אן אין זיינע אויגן: "אוואו איז דא א באג? אין קאך? איך גיי איר הרג'ענען! איך בין שוין א גרויסער, איך קען!"

אז מיין פיר-יעריגער וועט זיך קענען מסדר זיין האב איך נישט געטראכט... ער קומט צוריק א מינוט ארום: "אבער מאמי! זי קריכט אוועק, איך ווייס נישט וואס צו טון!"

זעט אויס אז איך האב אפגעאטעמט צו פרי.

"צדיק'ל," - שריי איך ארויס פון אונטערן טיר - "פרוביר צו נעמען א גרויסן בעזעם און קער עס אוועק אינדרויסן. הרג'ע עס נישט, יום טוב טאר מען נישט."

"יא! יא! מיט א בעזעם וועל איך קענען!" - איך הער ווי דער בעזעם קלאפט זיך אין אלע ווענט, אבער ענדליך נאך א פאר לאנגע פארצויגענע מינוטן קומט ער צוריק מיט א זיגרייכער שמייכל.

"כ'האב עס ארויסגעקערט אינדרויסן! איך קען שוין זיין א טאטע! איך בין שוין א גרויסער!"

איך גיי פארזיכטיג ארויס. יא, יא, אונזער גרויסער ריזיגער אינגל קען שוין כמעט, כמעט זיין א טאטע!

ווען טאטי וועט אהיימקומען פון אומאן וועט ער נישט גלייבן וואס ער הערט!!! איך מיין, טאטי וועט נישט גלייבן אז איך בין ארויס פון ממ"ד פאר ער איז אהיימגעקומען...

די זופ איז שוין אינצווישן אפגעקילט געווארן, איך ווארעם עס איבער, און ענדליך עסט מען די סעודה.

יוסי האט הנאה, ער וויל זיין דער טאטע ווייל ער איז שוין עכט, עכט גרויס! פייגי וויל אויך... ניין, פייגי וויל זיין די מאמע, אבער מאמי איז דאך נישט געפארן קיין אומאן...

ערגעצוואו קומט מען זיך אויס, און אזוי ווי יעדן יאר טרעף איך זיך מוצאי ראש השנה מיט מידע קינדער און א איבערגעדרייטע הויז.

נאכדעם וואס עס איז שוין שטיל געווארן, וויל איך זיך אראפזעצן מיט א קאווע; אויפרוימען וועל איך שוין מארגן.

אופס... עס איז נישטא קיין מילך. איך וועל גיין בארגן פון א שכנה, איך האף עס איז נישט צו שפעט, עס איז דאך מוצאי יו"ט.

איך פארמאך די טיר אונטער מיר, זי זאל נאר נישט זען די איבערקערעניש וואס גייט פאר ביי מיר, מיין מאן איז דאך אין אומאן.

**א פריינדליכע שווארצע קאץ קריכט מיר אנטקעגן. איך געב אזא קוויטש און לאז אראפ דעם הייסן טעפל אויפן קאונטער. מיין בעיבי דערשרעקט זיך און הייבט אן צו וויינען.**

נאך פארן אנקלאפן הער איך ווי עס טוט זיך לעבעדיג דארט, עס הערט זיך אז קיינער שלאפט נאך נישט. אויב אזוי קען איך זיכער אנקלאפן; זי איז מסתמא געווען פארנומען אויפצורוימען, און נאכדעם וואס אלעס גלאנצט שוין, גייט זי לייגן שלאפן אירע קינדער.

נאך איין קלאפ פראלט זיך די טיר ברייט אויף.

זייט מיר מוחל, איך האב נישט ליב צו זען וואס טוט זיך ביי יענעם און איך גיי אויך נישט נאכקוקן וואס טוט זיך ביי דיר, אבער אז מען עפנט אויף א טיר אזוי ברייט איז דאך נישט שייך נישט צו זען.

איך קען נישט אראפלייגן וואס דארט איז פארגעגאנגען...

אויב מיר וואלטן זיך פארמאסטן וועמענס קינדער קענען בעסער איבערדרייען, וואלטן אירע קינדער געוואונען... די זיסע לעבעדיגע קינדערלעך שטעלן זיך ביים טיר און קוקן מיר אן מיט נייגעריגע אויגעלעך.

"וואו איז יוסי?" פרעגט מיר איר כמעט צוויי-יעריגער, בשעת דער גרעסערער שטייט נעבן אים און ברעקלט א האניג-קיכעלע איבער זיינע צופלאטשקעטע הארעלעך...

"מען קען אפשר בארגן מילך?" פרעג איך שנעל.

זייער זיס מיידל לויפט אריין אין הויז איבער די איבערגעדרייטע שפילצייג, און זי קומט צוריק מיט א פלאש מילך. "מיין מאמע אנטשולדיגט זיך אז זי קען נישט צוקומען צום טיר," זאגט זי מיר איבער.

איך נעם איבער די מילך און פריי זיך מיט דעם אנטשולדיגונג. עס וואלט מיר נישט געווען אנגענעם איר צו טרעפן אין אזא איבערקערעניש.

איך זעץ זיך אראפ מיט א גלעזל קאווע און איך מאך מיר א שנעלן חשבון:

מיין הויז איז איבערגעדרייט, און איר הויז איז איבערגעדרייט.

מיינע קינדער זענען צולאזט, און אירע קינדער זענען צולאזט.

איך בין איבערגעשטרענגט, און זי איז איבערגעשטרענגט.

אבער... ביי זיי פארט מען נישט קיין אומאן...

און איך האב יא נאכאמאל זוכה געווען דעם יאר, אז מיין מאן און מיינע אינגלעך זענען געווען אין אומאן...



# ווירקזאמע רפואות

ש. פעלדמאן

משה פנחס האט זיך נאכאנאנד געציפט, פרובירנדיג זיכער צו מאכן אז ער געפינט זיך טאקע אין דער ווירקליכקייט.

יא, האט ער זיך איבערצייגט, פאקטיש בין איך דא, אינעם ווארטזאל פונעם בארימטן פראפעסאר.

דאס קומט נאך חדשים פון מוטשערייען און ווייטאג וואס האבן געגאגט די גאנצע משפחה און אויסגעקוועטש די לעבנסלוסט פונעם שטוב.

אנגעהויבן האט זיך עס ווען דער זיסער פיר-יעריגער חיים ברוך האט זיך באקלאגט אויף בויך-ווייטאג. ווי מער די צייט איז פארביי, אלס שטערקער זענען די קרעכצן געווארן. די מאמע האט באמערקט מיט פאניק אז חיים ברוך עסט קוים, און ווען ער האט שוין יא געגעסן, האט ער זיך דערנאך געוואלגערט פאר יסורים שעות לאנג.

דער מצב האט זיך אזוי ווייט דערקייקלט, אז דאס לעכטיגע קינד האט אויפגעהערט צו גיין; ער איז געלעגן מאכטלאז און אומבאהאלפן אויפן קאוטש, שרייענדיג פאר יסורים. זיין פארצערטע קול האט זיך געהערט אין אלע עקן פון שטוב און אריינגעברענגט א שרעק אין די דערשראקענע געשוויסטער.

די באזארגטע עלטערן האבן אים געטראגן פון דאקטער צו דאקטער, אבער אלע האבן געהויבן די הענט, זאגנדיג אז חיים ברוך ליידט פון א זעלטענע קרענק מיט וואס זיי זענען נישט באהאוונט.

דער טעלעפאן, וואס איז ביז יעצט געווען שטיל, האט קוים געקענט כאפן דעם אטעם, פרובירנדיג נאכצוקומען אלע טעלעפאן קאלס צו די נויטיגע עסקנים, ארגאניזאציעס און מומחים בעניני רפואה. שעות אויף שעות האבן די באזארגטע עלטערן פרובירט צו געפינען א דאקטער וואס פארמאגט דעם מיטל צו היילן די דאזיגע מחלה, אבער אן ערפאלג.

פארקלעמטערהייט האבן זיי נאס געמאכט דעם תהילים, בעטנדיג ביים רופא כל בשר ער זאל זיי שיקן די אויסגעווארטעטע ישועה.

ביז פלוצלינג איין טאג, אן קיין פאריגע ווארענונג, איז אריינגעקומען דער טעלעפאן קאל: יא, מיר האבן געפונען א דאקטער וואס קען זיך אויס מיט דער מחלה. ער ארבעט אויף א ספעציעלן מהלך מיט די פאציענטן פאר א לענגערע צייט, און ער געבט מערערע אנווייזונגען וויאזוי זיך צו פירן טאג-טעגליך כדי די שרעקליכע סימפטאמען זאלן געלינדערט ווערן. אבער, האט דער עסקן געזאגט, דער דאקטער קומט מיט א פרייז - א טייערע פרייז.

הערנדיג וויפיל דער דאקטער בעט בלויז פארן ערשטן באזוך, איז משה פנחס כמעט אראפגעפאלן פונעם בענקל. "פון וואו וועל איך נעמען אזא פאנטאסטישע סומע?" האט ער געדאגה'ט.

אבער ער האט נישט געדארפט זארגן; כלל ישראל האט זיך איינגעשפאנט צו העלפן דעם אומשולדיגן אינגל, און אין א גאר קורצער צייט האט מען צוזאמגעשטעלט די נויטיגע געלטער. נאך איידער די דערשיטערטע עלטערן האבן זיך בכלל געקענט אריענטירן, האבן זיי זיך שוין געטראפן ביים פלאנען די פיר-שעה'יגע רייזע צום דאקטער.

טראץ די אלע פלאנירונגען, איז משה פנחס נישט געווען רואיג. "ביטע לייג מיר אין קאנטאקט מיט א צופרידענעם פאציענט פון דעם דאקטער. איך וויל מיט איינעם רעדן זיך איבערצייגן אז די אלע געלטער, צייט און מח וואס מיר אינוועסטירן וועלן זיך אויסצאלן." אבער צווישן די פארנומענע טעג פון פלאנירונגען, איז דאס אינגאנצן ארויס פון זיין קאפ.

איידער וואס ווען וואו האט משה פנחס זיך געטראפן ארויספארנדיג פון שטוב, און פלוצלינג האט ער זיך געכאפט: "איך פאר צו א דאקטער פיר שעה אוועק פון שטוב, ער בעט א ריזיגע סומע געלט, און איך האב נישט אפילו גערעדט צו איין צופרידענעם

פאציענט!" ער האט שטיל געמורמלט א תפילה צום טאטן אין הימל אז דאס זאל זיין די ריכטיגע השתדלות און זיי זאלן שוין זוכה זיין צו א ישועה. "נישט געזארגט," האט ער זיך געטרייסט, "זיכער וועלן מיר דארפן ווארטן אינעם ווארטזאל פאר א לאנגע ווייל'ע, וועל איך דעמאלץ פרובירן צו זוכן איינעם אויסצוקלארן מיינע ספקות."

און אט האט ער זיך געטראפן אינעם ווארטזאל פונעם פראפעסאר. זיך ארומקוקנדיג, איז זיין בליק געפאלן אויף דעם איינציגן איד וואס ער האט באמערקט אין א ווינקל. טאקע נישט א איד פון זיין קרייז, אבער כלל ישראל זענען דאך ברידער, האט ער געקלערט. פלינקערהייט האט ער זיך צוגעזעצט צו דעם איד און פרובירט אנצופאנגען א שמועס.

נאכן שמועסן וועגן אלס און אלעמען, איז ער צוגעטרעטן צו דעם וואס האט אים געדריקט אויפן הארץ און אנגעהויבן אויספרעגן וועגן דעם מהלך דא ביי דעם דאקטער. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז יא, דער זיסער חיים ברוך און דער מיטליעריגער איד ליידן פון דער זעלבער זעלטענער קרענק. דער נייגעריגער טאטע האט זיך נענטער צוגעבויגן צו הערן וואס ער האט צו דערציילן.

"איך וועל דיר זאגן דעם אמת," האט דער איד געזאגט מיט א זיפץ, "איך פערזענליך קום שוין חודש'ליך צום דאקטער פאר פיר יאר, און איך שפיר מיך קוים בעסער. די מוטשערייען לאזן נישט נאך. אבער קיין אנדערע עצה האב איך נישט געפונען, ממילא קום איך ווייטער אהער." הערנדיג דאס, איז משה פנחס'ס הארץ איינגעגאנגען פאר שרעק; זיינע מחשבות האבן אנגעהויבן לויפן אין א פאניק. "מיין זון, ווער קען העלפן? דאס גאנצע געלט, די צייט, די שעות, דאס פארן אזא לאנגן וועג..."

צופיל צייט האט אבער דער ערשיטערטער טאטע נישט געהאט צו טראכטן. "גאלדשטיין?" האט א נורס גערופן זייער נאמען, אויפוועקנדיג משה פנחס פון זיינע דערשראקענע געדאנקען. שווערליך האט ער זיך אויפגעשטעלט, האלטנדיג דעם מאגערן חיים ברוך אין די הענט. "באשעפער!" האט ער כמעט געוויינט, "ביז אהער בין איך געקומען פאר א דאקטער וואס קען בכלל נישט היילן? איך בעט דיר," האט ער ווייטער מתפלל געווען, "שיק א גאנצע רפואה פאר מיין זון."

א שעה מיט א האלב שפעטער האבן טאטע און זון אויסגעמוטשעטערהייט זיך ארויסגעלאזט פונעם דאקטערס צימער. די באהאנדלונג איז געווען שווער, גאר שווער, און דער דאקטער האט מיטגעשיקט א ריזיגן צעטל מיט פונקטליכע אנווייזונגען וואס וועלן זיין שווער דורכצופירן. אבער, האט משה פנחס געקלערט, עס זעט מיר גראדע אויס ווי חיים ברוך'ס טרויעריג פנים איז עטוואס מער צופרידן.

אנקומענדיג אהיים, איז די גאנצע משפחה געווארן איינגעשפאנט אין דער מיסיע צו העלפן אויספירן די באפעלן פונעם דאקטער. די עלטערע שוועסטערס האבן געקאכט נארהאפטיגע עסן, נוצנדיג נאר די אינגרידיענטן וואס דער דאקטער האט ערלויבט; די געטרייע מאמע האט ליבליך דורכגעפירט די איבונגען וואס זיי האבן פארלאנגט; די ברידער האבן געזאגט תהילים לזכותו; און דער געטרייער טאטע האט אוועקגעגעבן איין טאג א חודש אראפצופארן מיט חיים ברוך צום דאקטער פאר ווייטערדיגע באהאנדלונגען.

וואכן און חדשים זענען פארביי. צוביסלעך איז דאס געדיכטע גרויע וואלקן, וואס האט געהאנגען איבער דער משפחה די לעצטע פאר חדשים, ווי פארשוואונדן געווארן פונעם שטוב. חיים ברוך'ס זיס געלעכטער האט מען שוין אנגעהויבן הערן, זיין שמייכל האט זיך צוריקגעקערט צו זיינע בלאסע בעקעלעך, און זיין אפעטיט האט זיך געשטארקט פון טאג צו טאג.

די גליקליכע עלטערן האבן נישט געקענט אויפהערן דאנקען דעם אייבערשטן פארן גרויסן נס וואס ער האט זיי געשאנקען, און פארן שיקן דעם ריכטיגן שליח וואס האט ערמעגליכט די ישועה.

**איך וואונדער מיך טאקע פארוואס די שווערע באהאנדלונגען טוען גארעשט אויף צו פארבעסערן אייער שווערן געזונט**

יא, די חודש'ליכע אפוינטמענטס האבן צוגענומען א גאנצן טאג פונעם פארנומענעם טאטע, און דאס פארן צו אזא ווייטע שטאט איז בכלל נישט באקוועם געווען; יא, די טעגליכע איבונגען זענען גאר שווער געווען פאר די געטרייע מאמע וואס האט זיי געטון מיט איר זון מיט אזויפיל הארץ; יא, די פילע וויטאמינען און מעדיצינען וואס דער דאקטער האט געהייסן נעמען האבן אפגעקאסט א שיינע מטבע; און יא, עס איז גאר שווער געווען פאר דער משפחה זיך צוצוגעוואוינען צו קאכן און באקן אן נוצן פארשידענע געווירצן וואס זיי זענען ביז יעצט געווען געוואוינט, אבער פאר רפואה, האבן זיי ביי זיך געקלערט, איז אלעס ווערד.

זיי האבן פארשטאנען אז געזונט איז א אומשאצבארע מתנה וואס מען דארף שטארק שעצן. אלעס וואס עס האט זיך פון זיי געפאדערט פארן געזונט פון זייער ליבליכן ברודער, האבן זיי געטון מיט א ריזיגער שמחה.

פון מאל צו מאל האט זיך משה פנחס דערמאנט אין דעם איינציגן אידישן פאציענט וואס ער האט געטראפן אינעם ווארטזאל ביים ערשטן באזוך צום פראפעסאר. "פארוואס טאקע איז ער נישט געהאלפן געווארן ווי מיין זון?" האט ער געקלערט. דער דאקטער האט דאך באוויזן וואונדער פאר חיים ברוך, אין א צייט ווען אלע אנדערע האבן געהויבן די הענט. אויך זענען אלע אנדערע פאציענטן פונעם פראפעסאר, מיט וועמען ער האט זיך שוין באקאנט געמאכט ביי זיינע חודש'ליכע באזוכן, מורא'דיג צופרידן פון די באהאנדלונגען און זעען שינויים לטובה אין זייערע פארשידענע פראבלעמען. "און פונקט דער ערשטער מענטש וועמען איך האב דארט געטראפן זאל זיך אזוי באקלאגן?"

פלוצלינג, איין טאג, איז עס געשען. משה פנחס איז אנגעקומען צום פראפעסאר מיט א שמייכלדיגן חיים ברוך, וואס איז געלויבט דעם אייבערשטן שוין געגאנגען אויף די אייגענע פיס. און אט, ביים אריינקומען אין ווארטזאל, האט ער אים דערקענט!

"דאס איז דאך דער זעלבער אידל פון אונזער ערשטן באזוך," האט משה פנחס באמערקט מיט איבערראשונג, "איך מוז מיט אים כאפן א שמועס." נאכן זיך צוזעצן און אויסטוישן א ווארט צווי, איז משה פנחס גראד צוגעטראטן צום ענין.

"איך מוז דיר זאגן אז דאס ערשטע מאל וואס מיר האבן זיך געטראפן, האבן דיינע ווערטער איבער די באהאנדלונגען ביים דאקטער מיר אריינגעווארפן אין א מורא'דיגע פארלעגנהייט. איך בין אנגעקומען אהער נאכן וואנדערן און זיך דרייען, זוכן א ישועה. איך האב אזוי געהאפט אז דא וועט זיך שוין דער קאשמאר ענדיגן, נאכן זיך שלעפן און אויסגעבן אזוי פיל געלט. פלוצלינג האב איך געהערט פון אייך – א פאציענט וואס דרייט זיך דא שוין יארן – אז די באהאנדלונגען העלפן קוים.

למעשה האב איך פיל מתפלל געווען צום אייבערשטן, און מיר זענען וואונדערליכע ישועות. איך וואונדער מיך טאקע פארוואס די שווערע באהאנדלונגען טוען גארנישט אויף צו פארבעסערן אייער שווערן געזונט צושטאנד."

"קוק אהער," האט זיך דער איד פארטראכט, "איך קום טאקע אהער חודש נאך חודש, אבער עס איז מיר גאר שווער מיטצואַרבעטן מיטן דאקטער. די איבונגען וואס ער הייסט מיר טון, קום איך קוים אן צו מאכן; מיינע טעג זענען צו פארנומען זיך אריינצוטון אין דעם. אויך," האט ער צוגעלייגט נאך א מינוט טראכטן, "די אלע עסן וואס דער דאקטער הייסט זיך היטן פון זיי, און די געווירצן וואס ער לאזט נישט נוצן, קען איך מיך נישט אפגעוואוינען פון זיי. ס'איז מיר צו שווער צו טוישן די גאנצע קאך-ווירטשאפט נאר צוליב די אנווייזונגען פון א פראפעסאר, ממילא עס איך און קאך איך נאך פונקט ווי אמאל.

און די וויטאמינען? איך נעם זיי ניטאמאל. נאר וואס דען, השתדלות דארף מען דאך טון, קום איך צום דאקטער איין מאל א חודש זיך צו היילן, אבער די היילונג פארזוימט זיך עפעס..." האט ער שטיל צוגעענדיגט. אט דעמאלט איז פאר משה פנחס אלעס קלאר געווארן.

טייערע ברסלב'ע ווייבל. מיר האבן זוכה געווען - יעדער אויף זיין אייגנארטיגן וועג - אנצוקומען צום הייליגן רבי'ן, דער צדיק וואס איז דאך דער גרעסטער דאקטער בגוף ובנפש. אזוי ווי דער רבי האט אמאל אויף זיך אליין געזאגט: "און איך הייל זי."

דער רבי האט פאר אונז א ים פון חכמות, עצות און הדרכות וואס קענען אונז צונוץ קומען אין לעבן. די עצות פון הייליגן רבי'ן זענען ווירקזאם און וואונדערליך, און זיי טוען אויף א געוואלד פאר א מענטש וואס פאלגט זיי באמת, מיט תמימות און פשיטות, אן זיך וווּקצורירן קיין האר דערפון.

נאר וואס דען? מיר קומען אן צום דאקטער און ווילן גלייך זען: איז דער דאקטער באגלייבט? העלפן זיינע עצות עפעס? איז עס בכלל ווערד דאס געלט, די בושות וואס מען מאכט מיט, די מחלוקת, די חלישת הדעת, דאס זיין אפגעזונדערט פון די געזעלשאפט, דאס זיך שפירן אומבאקוועם צווישן משפחה און קרובים? לייג צו דיינע אייגענע פערזענליכע שוועריגקייטן און מניעות צו דער ליסטע... צומישטערהייט קוקן מיר זיך ארום: לאמיך טרעפן איינעם וואס איז שוין אן אלטער פאציענט, לאמיך טרעפן איינעם וואס דרייט זיך דא שוין לאנג, איינעם וואס איז גאר "נאנט", כדי איך זאל קענען אפשאצן דעם דאקטער'ס ווערד און בארואיגן מיינע אייגענע ספיקות.

אבער - און דאס איז א גרויסער אבער - קענסטו דען וויסן ווער עס פאלגט טאקע דעם דאקטער'ס אנווייזונגען? דאס זיך ארומקוקן אויף אלע ארומיגע, נישט קיין חילוק ווי לאנג זיי דרייען זיך שוין אויפן רבינ'ס שויס, קען אונז נאר מחליש דעת זיין ווען מיר זעען אז זיי זענען צומאל נישט געהאלפענע. "ווער איז נאנט? ווער איז אן אמת'ע צופרידענע פאציענט פונעם דאקטער? ווער איז פון די 'עכטע עכטע' ברסלב'ע פרויען? ווער איז אן אמת'ע תלמידה?"

דער ראש ישיבה שליט"א חזר'ט מיט אונז כסדר: ווער איז א ברסלב'ע פרוי? ברסלב איז נישט איינער וואס פאררופט זיך בלויז אלס ברסלב, נאר איינער וואס פרובירט רעדן צום אייבערשטן, פרובירט פאלגן די עצות, לייענט די בריוו און קלאפט זיך נישט אראפ ווען עס גייט איר שווער.

קוק זיך נישט ארום זען ווער עס איז דא לענגער ווי דיר. נאנטשאפט צום רבי'ן קען מען נישט מעסטן מיט א מעסטער. נאנטשאפט מיינט נישט דוקא דער וואס טראגט און ברענגט און פירט, אזוי ווי דער ראש ישיבה דערציילט אונז כסדר פון זיינע בלבולים ביים אנהייב פון זיין התקרבות צו מוהרא"ש זי"ע, ווען ער האט געזען ווי די "נאנטע" רעדן און בארעדן.

נאנט איז נאר דער וואס פאלגט די עצות. נאנט איז נאר איינער וואס אינוועסטירט צייט און מח אריינצונעמען דעם רבינ'ס לימודים אין איר פערזענליכן לעבן. דאס איז נישט עפעס וואס מען קען אויסערליך זען; עס איז די באהאלטנקייט וואס ליגט טיף טיף אין הארץ.

לאמיר נישט פארגעסן צו בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן זוכה זיין צו פאלגן דעם רבינ'ס עצות בתמימות ופשיטות און זיך נישט לאזן מבלבל זיין פון אונזערע ארומיגע.



# א שעפעלע פארן אייבערשטן

רבקי באטראכט מיט געמישטע געפילן די פארמאכטע רענצלעך וואס שטייען שוין גרייט ביים טיר.

יא, עס איז א ווירקליכקייט, איר מאן פארט קיין אומאן.

"עס גייט מיר זיין אזוי שווער, איך גיי מיך אזוי בענקען," טראכט זי צו זיך, קוים איינהאלטנדיג אירע טרערן.

אויסערדעם וואס עס איז דאס ערשטע מאל זינט זייער חתונה וואס איר מאן פארט אוועק, איז זי נאך דערצו א פרישע קימפעטארין. זי איז יעצט זייער סענסיטיוו, וואס דאס לייגט נאר צו צו איר שוועריקייט.

רבקי לייגט אריין אינעם האנט-באגאזש אפאר היימישע טונא סענדוויטשעס, איר מאן זאל האבן וואס צו עסן אויפן וועג. זי לייגט אויך צו א טשאקלאד מיט א שיינעם בריוו וואס זאל אים דערווארעמען דאס הארץ אונטערוועגנס. עכט וואלט זי געבאקן האניג-קיכלעך, אבער אזוי ווי זי איז א פרישע קימפעטארין, וועט זי דאסמאל מוזן מוותר זיין דערויף.

נאך אלע הכנות איז שוין געקומען די צייט ארויסצופארן.

רבקי פרובירט מיט כח אויסצושפרייטן א שמייכל אויף אירע ליפן, זי זאל נאר נישט וויינען. זי וויל דאך ארויסבאגלייטן איר מאן מיט א שמייכל, ער זאל חלילה נישט מיינען אז זי איז נישט צופרידן פון דעם וואס ער פארט צום הייליגן רבי'ן. זי האט עס דאך געוואלט, זי איז די וואס האט אים געשטופט צו פארן, אבער יעצט קומט עס איר אן אזוי שווער.

"בעט אויס אלעס גוטס און קום צוריק מיט זעק פון ישועות," באגלייט זי אים ארויס מיט א וואונטש. זי באטראכט די קאר וואס דערווייטערט זיך און ווערט פארשוואונדן פון אירע אויגן, ווען אירע ליפן שעפשען א געבעט אז איר מאן זאל האבן א גרינגע און געשמאקע רייזע.

זי שפאנט צוריק צו אירע עלטערנס הויז וואו זי שטייט יעצט איין. ווי מער זי דערנענטערט זיך, קען זי שוין ארויסהערן דאס געוויין פון א בעיבי. זיי זענען יעצט ב"ה דריי קימפעטארינס אין איר מאמעס הויז: זי מיט נאך צוויי שוועסטערס, און יעדע פון זיי האט געהאט א בעיבי מיט א פאר טעג אפגערוקט איינע פון די אנדערע.

זי דערקענט דאס קול פון איר פיצל און לויפט אים אויפצוהייבן.

רבקי פיטערט איר בעיבי און דאנקט דעם באשעפער וואס זי האט געקענט ארויסבאגלייטן איר מאן מיט א שמייכל. זי דאנקט דעם אייבערשטן וואס זי האט די זכיה צו שיקן איר מאן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה.

דורך דעם אפענעם פענסטער דערגרייכט צו אירע אויערן א שמועס צווישן צוויי פרויען וואס דערנענטערן זיך צום הויז. זי דערקענט די שטימעס; דאס זענען דאך אירע צוויי חבר'טעס פון סקול, מן הסתם ווילן זיי קומען זען די בעיבי.

ווי נענטער זיי קומען, הערט זי נאך קלארער זייער שמועס.

"עס איז עכט א גרויסע מצוה איר צו גיין באזוכן," הערט זי די ערשטע פרוי זאגן צו די צווייטע.

"זי איז דאך אזא רחמנות," ענטפערט די צווייטע, "קוים געהאט די ערשטע בעיבי און שוין בלייבט זי אליין. איר מאן לאזט איר איבער אויף יום טוב און פארט זיך אוועק קיין אומאן."

רבקי פארשטייפט אירע ליפן. זי פארשטאפט זיך די אויערן נישט צו הערן די שמועסן אויף די "נעבעכדיגע" קימפעטארין וואס איר מאן "פארט זיך קיין אומאן" און לאזט איר איבער אליין.

פארוואס פארט ער דען? טראכט זי צו זיך. צי פארט ער דען טשילן? די וועגן זענען דאך אזוי שווער און פול מיט מניעות, און דאך פארט ער מיט מסירות נפש צו א רבי'ן וואס האט אויסגערופן אז ווער עס גלייבט אין אים זאל קומען; צו א רבי'ן וואס האט צוגעזאגט אז ער קען יעדן מתקן זיין, און אז דער וואס וועט קומען צו זיין ציון, געבן א פרוטה לצדקה און זאגן דעם תיקון הכללי, "וועל איך מיך לייגן אין די לענג און אין די ברייט אים א טובה צו טוהן, ביי די פאות וועל איך אים ארויסציען פון שאול תחתית."

איר מאן פארט צום גרעסטן לויער וואס זאל אים העלפן ארויסגיין זכאי בדין און אויסבעטן א גוט יאר.

ערשט וויל זי זיי נישט עפענען די טיר. "זאלן זיי זיך זוכן אנדערע מצוות," טראכט זי מיט ביטערניש.

ענדליך מאכט זי אף צו קוקן גוט אויף זיי, און אזוי וועט מען אויך אין הימל קוקן אויף איר מיט א גוט אויג.

עכט זענען זיי וואולע פרויען און זיי מיינען עס לטובה, וואס זאל מען אבער טאן אז זיי האבן געהערט לשון הרע אויף ברסלב?



גאסל שרייבערין

איבערשטער, ביז ווילאנג נאך וועט דעם רבינ'ס נאמען זיין אזוי פארשעמט? ווען וועט זיך שוין דעם הייליגן רבינ'ס לעכטיגקייט פארשפרייטן אויף די גאנצע וועלט?"

רבקי נעמט זיי שיין אויף און פארברענגט מיט זיי א שטיק צייט, זי ווייזט זיי די בעיבי און באדאנקט זיך פארן קומען באזוכן.

דערנאך ווערט זי פארנומען מיט איר קליינעם וואס נעמט זיך וויינען, ביז זי פארגעסט אינגאנצן פון די אומאנגענעמע געפילן.

און אזוי זענען אויף איר אריבער די קומענדיגע טעג, מיטן וויגן איר קליינעם, פיטערן, טוישן, און אויפזיין נעכט. וויפיל זי האט געהאט גע'חלומ'ט פון העלפן איר מאמע קאכן פאר די יום-טוב'דיגע סעודות, איז דאס געבליבן בלויז א חלום.

און אזוי איז ראש השנה אנגעקומען. זי זיצט אויפן קאוטש, איר קליינער נתי'לע אין איר הענט אנגעטוהן אין איינע פון די שענסטע קליידער וואס זי האט א מתנה פון איינע פון אירע חבר'טעס. אין די צווייטע האנט האלט זי דעם מחזור, וואס זי יאגט אפילו נישט אן אויפצומאכן ווען דאס קליינע נעמט זיך ברעכן און מען מוז אים יעצט גיין טוישן פון קאפ ביז פוס.

**זי פילט זיך אזוי צובראכן. זי דערמאנט זיך אין די דערהויבענע ימים טובים אלס מיידל: די ווארימע תפילות אין שול.**

זי באטראכט אירע עלטערע שוועסטערס ווי זיי וויגן איין זייערע קליינע מיט אזא געניטקייט און זי פילט זיך אזוי קליין און אומבאהאלפן. די גרעסערע אייניקלעך לויפן לוסטיג ארום פון איינעם צום צווייטן זיך אנוואונטשן "לשנה טובה".

דער מחזור ווערט צוריק אוועקגעפאקט אויפן פלאץ.

די יום-טוב'דיגע סעודה פארט זייער געשמאק, מיט אינטערעסאנטע שמועסן צווישן די מאמע און אירע טעכטער – שמועסן וואס האבן זיך יעדע שטיק צייט אפגעהאקט צוליב דעם געוויין פון איינע פון די בעיביס.

אלעס פארט אנגענעם און רואיג, אויסער אפאר קליינע חילוקי דעות וואס האבן זיך געמאכט צוליב דעם וואס די מענער זענען נישטא און עס איז נישטא ווער עס זאל קלאר וויסן די הלכות.

אזוי ווי למשל: ווען מען זאל עסן די סימנים – איינער האט געהאלטן פאר המוציא, און די צווייטע האט גע'טענה'ט אז דאס איז א חלק פון די סעודה.

אדער: צי מען דארף מאכן א ברכה אויף די סימנים אויסער די "יהי רצון"ס.

אדער די טענה'ריי אויב מען זאל ערשט לייגן זאלץ אויף די חלה און נאכדעם האניג, אדער פארקערט...

און די דריטע האט בכלל גע'טענה'ט אז ראש השנה לייגט מען בכלל נישט קיין זאלץ...

און די צייט וואס עס האט גענומען ביזן טרעפן דעם ריכטיגן נוסח פון קידוש.

אבער למעשה האט יעדער הנאה געהאט. די קליינע קינדער האבן געזונגען די ראש השנה ניגונים פון זייער קינדערגארטן און עס איז געווען א זייער פרייליכע אטמאספערע.

די סעודה האט זיך געענדיגט און יעדער איז געגאנגען שלאפן. רבקי וויל שוין צומאכן אירע אויגן ווען פלוצלונג נעמט זיך איר נתי'לע וויינען. זי גייט ארויס פון בעט און פרובירט אים איינצושלעפן, ב"ה ער איז איינגעשלאפן. זי לייגט זיך צוריק, אבער נישט פאר לאנג; א האלבער שעה ארום ווערט ווידער צושטערט איר שלאף מיט איר קינד'ס געוויין.

און אזוי איז ווייטער געגאנגען איר ראש השנה נאכט: דאס קינד וויינט און וויינט און וויל זיך נישט בארואיגן. עס העלפן נישט אלע אירע באמיאונגען. "וואס נאך קען ער דארפן?" טראכט זי צו



זיך מיט פארלוירנקייט, "איך האב אים דאך איבערגעפאקט, ער האט שוין אויך געגעסן." זי וויל פשוט מיטוויינען מיטן קינד; זי איז אזוי שוואך און מיד, זי וויל כאטש אריינכאפן אביסל שלאף, מארגן דארף מען דאך גיין הערן שופר בלאזן.

זיבן אזייגער אינדערפרי, נאך א גאנצע נאכט פון אויפזיין, קומט די געטרייע באבע, נעמט איבער די בעיבי און שיקט איר אריין אין בעט. אויף רבקי'ן באפאלט א טיפער שלאף.

מיטאמאל כאפט זי זיך אויף צו איר קינד'ס געוויין, זי זוכט איר זייגער און שפרינגט אויף דערשראקענערהייט – עס איז שוין צוועלף אזייגער! זי האט פארפאסט שופר בלאזן!

זי פילט זיך אזוי צובראכן, זי דערמאנט זיך אין די דערהויבענע ימים טובים אלס מיידל: די ווארימע תפילות אין שול נעבן זייער הויז, דאס שופר בלאזן... און יעצט, וויאזוי קוקט אויס מיין ראש השנה? טראכט זי צו זיך מיט טרערן אין די אויגן. מיין מחזור האב איך נישט אנגערירט, און דאס שופר בלאזן האב איך פארשלאפן.

אזוי קוקט אויס מיין ראש השנה? אזוי בין איך ממליך דעם אייבערשטן?

די פארביטערטע געפילן נעמען איר כמעט איבער, ווען פלוצלונג בליצט איר אויף אן אלטער זכרון. זי דערמאנט זיך אין א שיעור וואס זי האט נאך געהערט אלס מיידל, וואו דער ראש ישיבה האט מסביר געווען אז פאר א מאמע מיט קינדער מיינט ראש השנה דאס זיצן אויף דער ערד און שפילן מיט די קינדער לעגא, איבערצוטוישן א קינד, אדער געבן צו עסן פאר א קינד.



זי פילט ווי א רואיגקייט צושפרייט זיך אין אירע ביינער; זי פארשטייט שוין. אמת, די לערערינס פלעגן שטענדיג דערשרעקן מיט די וויסע שעפעלעך וואס גייען אריבער דעם פאסטוך און יעדע צענטע ווערט אנגעצייכנט מיט א רויטע ליניע, אז דער אייבערשטער פארשרייבט יעדן צום לעבן אדער חלילה צום טויט. די לערערינס האבן אזוי מורא'דיג געמאכט דעם יום הדין, דעם משפט, און די שרעקעדיגע שווארצע מלאכים.

אבער זי קומט דאך צום יום הדין מיט אזויפיל זכויות! זי האלט דא אין האנט א ריין שעפעלע, א הייליגע נשמה, דעם אייבערשטנ'ס א קינד, און מיט אים געבט זי זיך אפ און איז אויף ביינאכט – דאס איז וואס דער באשעפער וויל יעצט פון איר.

אמת, עס קען אויסקוקן ווי דאווענען אין שול איז די העכסטע זאך, אבער זי ווייסט אז זיך אפגעבן מיט איר בעיבי איז די העכסטע עבודה. דאס איז איר יעצטיגע עבודת השם, און פונקט דא, מיט דעם בעיבי אין די הענט, אזוי איז זי ממליך דעם אייבערשטן. זי ווייזט אז דער באשעפער איז קעניג און זי איז גרייט צו טון זיין ווילן.

זי האט געשיקט איר מאן קיין אומאן צום הייליגן רבי'ן זיך אויסצובעטן א גוט יאר, און זי דא, מיט דעם וויינענדיגן פיצל אין די הענט, אזוי רופט זי אויס –

**"המלך!"**


קינדער
היים
קינדערהיים וואונטשט אלע טייערע קינדער
א גוט געבענטש יאר
עצתו אמונה

# מעשה'לעך פאר קינדערלעך

## בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן

**טַייעֶרֶע קִינְדֶער**, אִיר זָאלְט גֶעדֶענְקֶען אַז וֶוען מִיר קוּמֶען אִין אוּמַאן אִיז נִישְׁט קַיין צַייט אַרוּם צוּ גֵיין אִין דִי גַאסְן קוֹיפְן פְּרֵייזֶעס; מֶען דַארְף גֵיין צוּם צִיוּן אוּן דָארְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל, בַּיים צִיוּן קֶען מֶען פּוֹעֵלְ'ן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן, אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ

הֶערְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַ בַּאגְלֵייבְּטְן אִיד פוּן פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר. דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים צִיוּן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּזַאמֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, פְּלוּצְלוּנְג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ אִיד, עֶר הָאט מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ זַיין זוּן, דֶער קִינְד הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין, עֶר אִיז גֶעוֶוען פַּארַאלִיזִירְט אוֹיף זַיינֶע פִּיס רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעטְרָאגְן אוֹיף זַיינֶע אַקְסְלֶען, דֶער אִיד אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַ זַייט אוּן גֶעוַוארְט וִוילַאנְג אַלֶע וֶועלְן אַהֵיים גֵיין

נָאכְמִיטָאג, מַמָּשׁ בַּיים זְמַן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען אַלֶע גֵייעֶן צוּם קְלוֹיז דַאוֶוענֶען מִנְחָה הָאט דֶער אִיד צַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע שְׁטוֹיבּ פוּן צִיוּן צוּ אֵיין פְּלַאץ, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעזֶעצְט זַיין קִינְד אִין דִי שְׁטוֹיבּ אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן אוּן גֶעוֵויינְט אַז זַיין זוּן זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, עֶר זָאל קֶענֶען גֵיין אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע פִּיס

דֶער אִיד וֵויינְט אוּן וֵויינְט, פְּלוּצְלִינְג שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף דֶער קִינְד אוֹיף זַיינֶע פִּיס גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם קְלוֹיז דַאוֶוענֶען מִנְחָה מִיט זַיין טַאטֶע, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶע ווּאוּנְדֶער פַאר אַלֶע וָואס הָאבְּן דָאס צוּגֶעקוּקְט

וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פוּן וואוּ עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן צַאמְנֶעמֶען דִי שְׁטוֹיבּ פוּן צִיוּן אוּן אַרַיינְזֶעצְן זַיין קִינְד אִין דֶעם, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ פַּשְׁטוּת: "פוּן סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת (מַעֲשֶׂה ג'), וואוּ דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הִינְקֶעדִיגֶער הָאט גֶעהֶערְט וִוי דִי זוּן זָאגְט פַאר דִי לְבָנָה אַז עֶס אִיז דָא אַ שְׁטוֹיבּ וָואס אוֹיבּ מֶען לֵייגְט אַרַיין דִי פִּיס אִין דִי שְׁטוֹיבּ וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט"; דֶער טַאטֶע פִּירְט אוֹיס: "וואוּ אִיז נָאךְ דָא אַזַא הֵיילִיגֶע שְׁטוֹיבּ וִוי דִי שְׁטוֹיבּ פוּן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, וואוּ אַלֶע קוּמֶען זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דִי שְׁטוֹיבּ אִיז הֵיילִיג"

טַייעֶרֶע קִינְדֶער גֵייט צוּם צִיוּן אוּן וֵויינְט אַייךְ אוֹיס דָאס הַארְץ בַּיים צִיוּן, בֶּעטְס דָארְט וָואס אִיר דַארְפְט; בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן קֶען מֶען זִיךְ אַיינְ'עַקְשֶׁנֶ'עןְ, מֶען קֶען דָארְט אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן




**”הֶעלְף מַיין זון זָאל קֶענֶען גֵיין!“**

# משפחת ג'ליק

## אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

הֶענְדִי דֶערְצֵיילְט:

עֶס אִיז אוּמְגְלוֹיבְּלִיךְ וִוי שְׁנֶעל דִי יָאר אִיז אַדוּרְךְ גֶעפְלוֹיגְן. פַארְיָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה פִילְט מַמָּשׁ וִוי נֶעכְטְן. אַלֶעס אִין אוּנְזֶער הוֹיז יֶעצְט דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אוּמַאן.

מִיר זֶענֶען אַלֶע אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אוּנְזֶער טַאטֶע וֶועט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף נָאכְאַמָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן. מַיין טַאטֶע אוּן מֶענְדִי פַארְן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם דֶעם דִינְסְטָאג.



אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי מַיין מַאמֶע הָאט אַרַיינְגֶעשְׁמוּגְלְט קְלֵיינֶע צֶעטְלֶעךְ מִיט זִיסֶע גְרַאמֶען אוּן בִּילְדֶער פוּן אוּנְז קִינְדֶער צְווִישְׁן דִי וֶועשׁ וָואס מֶען הָאט שׁוֹין צוּגֶעגְרֵייט צוּ פַּאקְן. אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ עֶפֶּעס אַרַיינְגֶעשְׁמוּגְלְט. אִיךְ וִויל עֶנְק אוֹיסְזָאגְן וָואס.

שְׂכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ בִּין יֶעצְט אַרַיין אִין דִי עֶרְשְׁטֶע קְלַאס, אוּן אִיךְ הָאבּ דִי בֶּעסְטֶע לֶערֶערִין. מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע לְשָׁנָה טוֹבָה קַארְטְל. זִי הָאט גֶעזָאגְט אַז מִיר מַאכְן דָאס גֶענוּג פְרִי אַז מִיר זָאלְן עֶס קֶענֶען אַהֵיימְנֶעמֶען נָאךְ פַאר שַׁבָּת אוּן עֶס מִיטְשִׁיקְן מִיט אוּנְזֶער טַאטֶע.

אִיךְ הָאבּ בַּאהַאלְטְן מַיין לְשָׁנָה טוֹבָה קַארְטְל אִין דִי טַאשׁ פוּן מַיין טַאטֶע'ס וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁע. אִיךְ קֶען קוֹים וַוארְטְן עֶר זָאל עֶס אָנְטוּן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה. עֶר וֶועט דִיךְ זִיכֶער פְרֵייעֶן וֶוען עֶר וֶועט טְרֶעפְן דִי לְשָׁנָה טוֹבָה קַארְטְל.

אָנְהֵייבּ וָואךְ אִיז מַיין מַאמֶע גֶעזֶעצְן מִיט יֶעדֶעס קִינְד בַּאזוּנְדֶער, אוּן מִיר הָאבְּן אִיר גֶעזָאגְט וָואס זִי זָאל אַרָאפְּשְׁרַייבְּן אוֹיף אַ צֶעטְל אַז מַיין טַאטֶע זָאל קֶענֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט זִי זָאל שְׁרַייבְּן אַז אִיךְ זָאל אַלֶעמָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז מַיין מַאמֶע זָאל גֶעבּוֹירְן אַ בֶּעיבִּי. אוֹיךְ אַז אוּנְזֶער מוּמֶע זָאל וֶוערְן אַ כַּלָה, אוּן נָאךְ אַפָּאר זַאכְן.

לֶעצְטֶע וָואךְ הָאט מַיין מַאמֶע שׁוֹין גֶעבַּאקְן רוּנְדֶעכִיגֶע חַלוֹת לְכָבוֹד רֹאשׁ הַשָּׁנָה. זִי הָאט גֶעמַאכְט קְלֵיינֶע חַלוֹת, אַזוֹי וִוי בולקעלעך, פַאר יֶעדֶע קִינְד וָואס בְּלַייבְּט אִינְדֶערְהֵיים. אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ פוּן לֶעצְטֶע יָאר, וִוי שֵׁיין מִיר הָאבְּן גֶעדֶעקְט אוּנְזֶער טִישׁ.

בײ יעדעם'ס פְלַאץ הָאבְּן מִיר גֶעלֵייגְט אַ הֶערְלִיכֶע נעפקין (סערוועטל), אוּן אַ הָאנִיג שְׁטֶעקְן. דִי אויפגעשניסענע עֶפְּל אוּן דִי הָאנִיג זֶענֶען גֶעלֶעגְן אִינְדֶערְמִיטְן אִין שֵׁיינֶע טֶעלֶערְס.

אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אַז נָאךְ מַיין מַאמֶע הָאט גֶעצִינְדְן לֶעכְט דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט יוֹם טוֹב, הָאבְּן מִיר אַלֶע גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעזִינְגֶען. מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט אוּן גֶעוֶוען זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אַלֶע פַארְשְׁרִיבְּן פַאר אַ גוּט

## ח. צ. גליק

גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר. מַיין מַאמֶע הָאט אוּנְז דֶערְמַאנְט דִי פִיר זַאכְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט. מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען זָאל טְרַאכְטְן גוּט אַז עֶס וֶועט זִיכֶער קוּמֶען אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר, זִיךְ שְׁטַארְק פְרֵייעֶן, אַבִּיסְל וֵויינֶען וֶוען מֶען דַאוֶוענְט, אוּן רֶעדְן נָאר שֵׁיינֶע גוּטֶע זַאכְן.

אוּנְזֶער וֶועלְוֶועלֶע אִיז פַארְיָאר גֶעוֶוען צְוֵויי יָאר אַלְט. עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעמִישְׁט וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען מַיין מַאמֶע מַאכְן קִידוּשׁ. עֶר הָאט גֶעלַאכְט אוּן זִיךְ אַרוּמְגֶעקוּקְט אוּן גֶעפְרֶעגְט, "טַאטִי, מָאל מאן?"

דִי שְׁפַּאצִיר צו שׁוֹפָר בְּלָאזְן אִיז גֶעוֶוען עֶקְסְטֶער גֶעשְׁמַאק. דִי עֶרְשְׁטֶע פאר מִינוּט פוּן וָואכְן הָאט צִירִי פָארְגֶעזָאגְט תְּהִלִים, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאכְגֶעזָאגְט, אִיךְ קֶען דָאךְ נָאכְנִישְׁט לֵיינֶען עִבְרִי.

נָאךְ אַפָּאר מִינוּט הָאט צִירִי וַוייטֶער גֶעזָאגְט תְּהִלִים שְׁטִילֶערְהֵייט, אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל אִיר גֶעבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר.

דֶערְוַוייל הָאט מַיין מַאמֶע אוּן אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל אוּנְז שִׁיקְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן לוֹיט דִי אָ"ב. צוּם עֶרְשְׁט הָאט מַיין מַאמֶע גֶעבֶּעטְן עֶפֶּעס וָואס הֵייבְּט זִיךְ אַן מִיט דִי אוֹת א', דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן עֶפֶּעס וָואס הֵייבְּט זִיךְ אַן מִיט דִי אוֹת א'. נָאכְדֶעם זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי אוֹת ב', צוּם עֶרְשְׁט מַיין מַאמֶע אוּן דֶערְנָאךְ אִיךְ. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער מִיט יֶעדֶע אוֹת. אִיךְ טְרַאכְט אַז דִי יָאר וֶועלְן אוּנְז נָאכְאַמָאל אַזוֹי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי עִיקָר אִיז צוּ בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא הֵיילִיגֶע רֶבִּי.

**מִשְׁפַּחַת גְלִיק וִוינְטְשְׁט אַלֶע קִינְדֶער אַ זִיסֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר.**



# דעם רבינ׳ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי׳ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: ״קיינער טאר נישט פעלן״

## ברסלב׳ע חידות

**וועלכע צוויי נעמען האט**
**דער רבי באוויינט אז זיי**
**זענען נישט געקומען?**

א. מרדכי׳לע
ב. נתי׳לע
ג. אהר׳לע
ד. מנשה׳לע
ה. יענקאלע
ו. בערעלע
ז. יודא׳לע
ח. נפתלי׳לע

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

פיר זאכן האט דער רבי געזאגט מען זאל טון ראש השנה:
״טראכטן גוט, זיין פריילעך, וויינען און רעדן וואס ווייניגער״.

## געב א שמייכל

**וויאזוי זאגט מען ״שכח אייבערשטער״ אין אוקריינע?**

געברענגט צו אייך דורך הר״ר אלחנן חיים רוטה שליט״א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

אֱמוּנָה – חלק ראשון

**סד. אָדָם נִכָּר עַל יְדֵי מְשָׁרְתָיו, אִם הוּא אוֹהֵב שֶׁקֶר אִם לָאו.**

מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אַ מֶענְטְשׁ לוֹיט זַיינֶע בַּאדִינֶער, אוֹיב עֶר הָאט לִיבּ לִיגְנְט אָדֶער נִישְׁט.



# שרייב טישל

## טרעף די וועג

**תשובה, תפלה און צדקה, נעמט אוועק די שלעכטע גזירות!**





## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פ | ה | ה | ל | צ | ל | ו | ע |
| ח | ש | ט | ק | ר | ר | י | ט |
| ח | ק | ה | נ | ד | מ | ה | ר |
| ו | ס | ע | ל | צ | צ | ו | ר |
| ק | כ | כ | מ | ה | ע | ו | צ |
| ש | י | ת | ש | ז | פ | מ | ו |
| כ | כ | נ | ד | י | ת | י | ב |
| א | ה | ב | כ | ש | מ | צ | י |
| ק | ח | ה | ש | ת | ט | נ | ו |
| א | מ | צ | א | כ | ו | ע | מ |
| ז | ט | ע | ר | ר | ה | מ | י |
| י | נ | ה | ב | ל | ז | ו | ב |
| פ | כ | ע | פ | י | ל | ח | ר |
| ל | י | ת | ק | ו | ר | ק | א |
| ט | ו | ח | ב | כ | א | י | ו |
| ר | ה | ש | ת | ו | ת | ג | נ |
| ר | מ | ד | ג | מ | נ | ח | נ |
| ג | ר | ו | ת | ש | ו | ב | ה |
| ס | צ | ד | י | ט | כ | נ | מ |
| ע | צ | ש | ק | פ | מ | י | ז |
| ה | ר | ז | ג | ה | ה | ג | י |

בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן כַּמָּה יַעַבְרוּן וְכַמָּה יִבָּרֵאוּן...

...וּתְשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה מַעֲבִירִין אֶת רֹעַ הַגְּזֵרָה!

# מענטשערלך

## יוּדֶעלֶע פָּארְט קַיין אוּמַאן

צווייטע חלק

די באס לַייגְט אַרָאפּ דִי קִינְדֶער פָּארְנְט פוּן זַייעֶר הוֹיז אוּן זַיי לוֹיפְן דוּרְךְ דִי הוֹיפְן גֶעפַאלֶענֶע בְּלֶעטְלֶעךְ. זַיי זֶעעֶן אַ גְרוֹיסֶע גֶעלֶע עֶנְוֶועלָאפּ שְׁטֶעקְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי פָּאסְט קֶעסְטְל. "אִיךְ מֵיין אַז עֶס אִיז דַיין פַּאסְפָּארְט", זָאגְט יוֹסִי. זַיי לוֹיפְן אַרוֹיף דִי טְרֶעפּ, אוּן קְלַאפְּן אוֹיף דִי טִיר. "אַ גוּטְן טָאג מַאמִי. דִי פַּאסְפָּארְט אִיז דָא!" מַאמִי פְלֶעכְט יֶעצְט רִינְדֶעכִיגֶע חַלוֹת. עֶס אִיז שׁוֹין צְוֵויי וָואכְן צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. זִי וַואשְׁט אָפּ אִיר הֶענְט אוּן יֶעדֶער גֵייט צוּזַאמֶען צוּ דִי פָּאסְט קֶעסְטְל. יָא! דִי פַּאסְפָּארְט אִיז שׁוֹין דָא! שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!

אִינְדֶערהֵיים וֶוערְט לֶעבֶּעדִיג אוּן פְרֵיילֶעךְ. "אוּמַאן, אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה..." יוּדֶע'לֶע זִינְגְט אוּן טַאנְצְט אוּן יְהוּדִית פּוֹיקְט אוֹיף דִי טִישׁ. מַאמִי טֵיילְט אוּמַאן אַייסֶעס אוּן יֶעדֶער זָאגְט הוֹיעֶךְ, "שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער! הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז טַאטִי, יוֹסִי, יוּדֶעלֶע אוּן אַלֶע אִידְן זָאלְן קֶענֶען זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

אוּן יוּדֶע'לֶע שְׁפִּילְן זִיךְ שֵׁיין. "וָואס דַארְף מֶען מִיטְנֶעמֶען צוּ אוּמַאן?" פְרֶעגְט יוּדֶע'לֶע. יוֹסִי עֶנְטְפֶערְט "וֶוען מֶען פָּארְט צוּ אוּמַאן טְרָאגְט מֶען מִיט מַתָּנוֹת".

יוּדֶע'לֶע עֶפְנְט זַיין אוֹיגְן גְרוֹיס. "מַתָּנוֹת? וָואס... פְּרַייזֶעס?"

יוֹסִי שְׁמֵייכְלְט. "מִיר פַּאקְן מִיט אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אַ גַאנְץ יָאר. דָאס אִיז דִי מַתָּנָה. אִיךְ וִויל מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף מַאכְן אַ סִיוּם אוֹיף סֵדֶר זְרָעִים אִין אוּמַאן".

"אוּן אִיךְ וֶועל מִיטְנֶעמֶען מַיין תְּהִלִּים אוֹיף דִי פְלִיגֶער אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף מַאכְן אַ סִיוּם אִין אוּמַאן," זָאגְט יוּדֶע'לֶע.

אַזֶעלְכֶע גֶעשְׁמַאקֶע קִיכְן! אִיךְ מֶעג הָאבְּן אֵיינְס?" פְרֶעגְט פְרֵיידִי. "פַאר וֶועמֶען בַּאקְט מֶען אַזוֹיפִיל קִיכְן? אִיז אַלֶעס פַאר מִיר?" פְרֶעגְט שִׂמְחָה'לֶע. יְהוּדִית הֶעלְפְט מַאמִי לֵייגְן נָאךְ קִיכְן אוֹיף דִי טַאץ אוּן עֶנְטְפֶערְט, "דָאס אִיז פַאר טַאטִי אוּן אוּנְזֶער גְרוֹיסֶע יוּנְגְלֶעךְ וֶועלְכֶע פָארְן צוּ אוּמַאן. אָבֶּער מַאמִי לֵייגְט אַוֶועק קִיכְן אוֹיךְ פַאר דִי קִינְדֶער וֶועלְכֶע גֵייעֶן זַיין וואוֹיל אִינְדֶערהֵיים. "יְהוּדִית, צוּ וֵוייסְטוּ וִוי גְרוֹיס אוּנְזֶער זְכוּת אִיז אַז מִיר הֶעלְפְן טַאטִי אוּן דִי קִינְדֶער פָארְן



בילדער: ח. שטיינבערג



צום רֶבִּי'ן?" פְרֶעגְט מַאמִי. "דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק וֶועט זַיין פַאר אוּנְז אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר בַּיים בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה, אוּן מִיר וֶועלְן פַארְשְׁרִיבְּן וֶוערְן אִין דִי סֵפֶר פוּן צַדִיקִים! צוּם לֶעבֶּן! צוּ פַּרְנָסָה! אוּן אַרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים טוֹבוֹת! פַאר אוּנְז אוּן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער. מִיר וֶועלְן דֶערְפַאר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אַ גַאנְץ יָאר פוּן שְׁלֶעכְטְס, עֶס וֶועט נִישְׁט שַׁאטְן אוֹיף אוּנְז קֵיין עַיִן הָרַע, קֵיין שוּם שָׁאדֶענְס אוּן קְרַאנְקְהֵייטְן רַחְמָנָא לִיצְלָן.

יְהוּדִית אוּן פְרֵיידִי הֶעלְפְן מַאמִי פַּאקְן דִי רֶענְצְלֶעךְ. יֶעדֶע בִּיסְל פְּלַאץ וֶוערְט גוּט אוֹיסְגֶענוּצְט. אִין אֵיין וִוינְקְל שְׁטוּפְּט פְרֵיידִי אַרַיין אַ פָּאר שִׁיךְ אוּן אִין אַן אַנְדֶערֶע עֶק לֵייגְט יְהוּדִית אַ פָּאר זָאקְן. אִין יֶעדֶע רֶענְצְל גֶעדֶענְקְט מַאמִי אַרַיינְצוּלֵייגְן אַ זֶעקְל סְפָרִים פַאר הֲפָצָה. "אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ פַּאקְן עֶנְקֶער רֶענְצְלֶעךְ אוּן מִיטְשִׁיקְן אַזֶעלְכֶע גוּטֶע זַאכְן". הָאט מַאמִי גֶעזָאגְט צוּ יוֹסִי אוּן יוּדֶע'לֶע. "אוּן עֶנְק דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע זְכִיָה וָואס עֶנְק הָאבְּן צוּ קֶענְעְן פָארְן צוּם הֵיילִיגְן צִיוּן פוּן אַזַא גְרוֹיסְן צַדִיק. אִיךְ בֶּעט עֶנְק, קִינְדֶער נוּצְט אוֹיס יֶעדֶע מִינוּט דָארְט.

יֶעדֶע לֵיידִיגֶע מִינוּט זָאלְן עֶנְק לוֹיפְן מִיט טַאטִי צוּם צִיוּן פוּן רֶבִּי נַחְמָן פוּן בְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, צוּ בֶּעטְן פַאר זִיךְ, פַאר מִיךְ אוּן פַאר טַאטִי, אוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל וַוייל אוֹיבּ מֶען הָאט שׁוֹין יָא דוּרְךְ גֶעבְּרָאכְן דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן, מֶען צָאלְט שׁוֹין יָא אַזוֹיפִיל גֶעלְט פַאר דִי נְסִיעָה, אִיז אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דָארְט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, מִיט רֶעדְן דְבָרִים בְּטֵלִים, לֵיצָנוּת, אָדֶער לָשׁוֹן הָרַע חַס וְשָׁלוֹם. אוֹיף אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, אַרְבֶּעט דֶער יֵצֶר הָרַע מֶער צוּ צוּמִישְׁן מֶענְטְשְׁן. דַארְף מֶען זִיךְ מֶער שְׁטַארְקְן , צוּ זַיין פַארְנוּמֶען נָאר מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה, הִתְבּוֹדְדוּת אוּן גְלוּסְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי קַאר אִיז שׁוֹין דָא! יוֹסִי אוּן יוּדֶע'לֶע הֶעלְפְן טַאטִי אַרֵיינְלֵייגְן דִי רענצלעך. "אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר! פוֹעלְט אַלֶעס גוּט!" יְהוּדִית, פְרֵיידִי אוּן שִׂמְחָה'לֶע פָאכֶענֶען מִיט דִי הֶענְט. "בַּיי בַּיי". טַאטִי זָאגְט תְּפִילַת הַדֶּרֶךְ אוּן דִי קִינְדֶער זָאגְן מִיט.

"אִיךְ מֶעג שׁוֹין הָאבְּן אַ נַאשׁ?" פְרֶעגְט יוּדֶע'לֶע. "סְ'אִיז נָאךְ דָא אַ לַאנְגֶע וֶועג, צַדִיק. לָאז דִי נַאשׁ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער", עֶנְטְפֶערְט טַאטִי.

בַּאלְד קוּמֶען מִיר אָן צוּ דִי לוּפְט פֶעלְד (עֶירְפָּארְט). דָארְט דַארְף מֶען זֵייעֶר הִיטְן דִי אוֹיגְן. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז אִין אַ לוּפְט פֶעלְד אִיז אַ גוּטֶע פְּלַאץ צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת. עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ דָארְט מֶענְטְשְׁן פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער - עֶס אִיז מַמֶשׁ ווִי אַ וַואלְד פוּל מִיט חַיוֹת!"

מֶען שְׁטֵייט שׁוֹין אִין דִי רֵייע אִין דִי לוּפְט פֶעלְד צוּ אִיבֶּערְקוּקְן דִי פַּאסְפָּארְטְן אוּן אַרַיינְגֶעבְּן דִי גְרוֹיסֶע רֶענְצְלֶעךְ וֶועלְכֶע גֵייעֶן גֶעהַאלְטְן וֶוערְן אִין דִי בּוֹיךְ פוּן



די פְלִיגֶער. "קוּקְטְס אַרָאפּ קִינְדֶער" זָאגְט טַאטִי. אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן צוּ זֶען, זָאגְן די קִינְדֶער שְׁטְרֶענְגֶערְהֵייט צוּ דֶער יֵצֶר הָרַע: "לָאז מִיךְ אָפּ. אִיךְ וִויל הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, אִיךְ וֶועל נָאר קוּקְן אוֹיף מַיין טַאטֶע אוּן גֵיין וואוּ עֶר גֵייט".

די רַייֶע רוּקְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַאט אוּן יוּדֶע'לֶע'ס פִּיס טוּט אִים שׁוֹין וֵויי. 'אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן דָא אוֹיף די עֶרְד אוּן וֵויינֶען?' עֶר קוּקְט אוֹיף זַיין גְרוֹיסֶע בְּרוּדֶער אוּן עֶר זֶעט אַז יוֹסִי פִירְט זִיךְ וִוי אַ גְרוֹיסֶע יוּנְגְל - עֶר הָאט גֶענוּמֶען די שְׁטְרַיימְל בַּאקְס פוּן טַאטִי אִים צוּ מַאכְן גְרִינְגֶער. יוּדֶע'לֶע טְרַאכְט, 'אִיךְ בִּין אוֹיךְ גְרוֹיס. נָאר גְרוֹיסֶע קִינְדֶער קוּמֶען צוּ אוּמַאן אוּן גְרוֹיסֶע קִינְדֶער וֵויינֶען נִישְׁט'. יוּדֶע'לֶע שְׁטַארְקְט זִיךְ. עֶר וַוארְט שֵׁיין אוּן בֶּעט, "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף די רַייֶע זָאל זִיךְ שְׁנֶעל רוּקְן".

שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער! עֶס אִיז שׁוֹין אוּנְזֶער רַייֶע. "פַּאסְפָּארְט פְּלִיז", זָאגְט דֶער לוּפְט פֶעלְד אַרְבֶּעטֶער. טַאטִי גִיבְּט אִים די דְרַיי פַּאסְפָּארְטְן אוּן עֶר קוּקְט עֶס גוּט אִיבֶּער. דֶערְנָאךְ לֵייגְט מֶען אַרוֹיף די רֶענְצְלֶעךְ אוֹיף אַ פָּארֶעדִיגֶע טִישׁ. "בִּיפּ, בִּיפּ, בִּיפּ." דֶער אַרְבֶּעטֶער נֶעמְט צוּ די עֶפְּל סַיידֶער. "דָאס מֶעג מֶען נִישְׁט אַרוֹיפְטְרָאגְן אוֹיפְן פְלִיגֶער," זָאגְט עֶר שְׁטְרֶענְג.

"גַם זוּ לְטוֹבָה" זָאגְן מִיר. "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז די רֶענְצְלֶעךְ זָאלְן זַיין גוּט".

דֶערְנָאךְ טוּט יֶעדֶער אוֹיס די מַאנְטְל אוּן פַּאסִיק אוּן מֶען לֵייגְט עֶס אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף די פָּארֶעדִיגֶע טִישׁ. דָאס מָאל פַּייפְט גָארְנִישְׁט ב"ה. יוּדֶע'לֶע גֵייט די עֶרְשְׁטֶע דוּרְךְ די מֶעטַאל דִיטֶעקְטָאר אַלֵיין. עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא וַוייל אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל אַלֵיין. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֵייבִּיג מִיט אִים. דֶערְנָאךְ גֵייעֶן טַאטִי אוּן יוֹסִי אַדוּרְךְ. אוֹיבּ עֶס פַּייפְט, קוּקְט דֶער אַרְבֶּעטֶער נָאכְאַמָאל אִיבֶּער די מֶענְטְשׁ צוּ זֶען פַארְוָואס עֶס פַּייפְט. יֶעצְט אַיילְן זֵיי זִיךְ צוּ די גֵעיט. טַאטִי וֵוייסְט וואוּ צוּ גֵיין אוּן מִיר גֵייעֶן נָאךְ אִים.

"מִנְחָה! מִנְחָה!" יוּדֶע'לֶע הִיט אוֹיף די רֶענְצְל וֶוען טַאטִי אוּן יוֹסִי דַאוֶונֶען אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט אָמֵן. דֶערְנָאךְ נִיצְן די קִינְדֶער אוֹיס די צַייט בִּיז מֶען גֵייט אַרוֹיף אוֹיף די פְלִיגֶער צוּ לֶערְנֶען.

עֶנְדְלִיךְ אִיז מֶען שׁוֹין אוֹיף די פְלִיגֶער. די רֶענְצְל גֵייט הֶעכֶער די זִיץ. "אִיךְ וִויל זִיצְן נֶעבְּן די פֶּענְסְטֶער!" "נֵיין אִיךְ" יוֹסִי אִיז מְוַותֵּר. "לָאמִיר זִיךְ אַיינְטֵיילְן. קוֹדֶם דוּ אוּן נָאכְדֶעם אִיךְ". די קִינְדֶער דֶעקְן צוּ די סְקְרִין מִיט אַ פָּאפִּיר צוּ אִינְגַאנְצְן פַארְטְרַייבְּן דֶער יֵצֶר הָרַע. "יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל זִיךְ גוּט צוּבִּינְדְן", רוּפְט דֶער פִּילָאט אוֹיס הוֹיעֶךְ. מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין אַרוֹיסְצוּפְלִיעֶן. די פְלִיגֶער הֵייבְּט אָן פָארְן שְׁטַאט אוּן דֶערְנָאךְ שְׁנֶעל, שְׁנֶעלֶער אוּן נָאךְ שְׁנֶעלֶער בִּיז עֶס הֵייבְּט זִיךְ אִין די לוּפְטְן אוּן עֶס פָארְט אַרוֹיף הוֹיעֶךְ, הֶעכֶער, אוּן נָאךְ הֶעכֶער. פוּן די פֶענְסְטֶער זֶעט מֶען וִוי די קַארְן אוּן הַייזֶער וֶוערְן קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער בִּיז זֵיי זֶען אוֹיס מַמָּשׁ וִוי לֶעגָא שְׁטִיקְלֶעךְ. "אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט", זָאגְט יוּדֶע'לֶע . "וִויאַזוֹי הַאלְט זִיךְ די פְלִיגֶער אִין די לוּפְט?" פְרֶעגְט יוֹסִי. "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הַאלְט עֶס," עֶנְטְפֶערְט יוּדֶע'לֶע.

"זֵייעֶר גוּט גֶעזָאגְט", זָאגְט טַאטִי. "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס. עֶר מַאכְט אַז אַ פֵייגְל זָאל קֶענֶען פְלִיעֶן אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט די חָכְמָה אִין מֶענְטְשְׁן צוּ קֶענֶען נָאכְמַאכְן די פֵייגְל אוּן בּוֹיעֶן אַ פְלִיגֶער. אַ פֵייגְל הָאט צְוֵויי פְלִיגְלֶען אוּן אַ פְלִיגֶער הָאט אוֹיךְ צְוֵויי פְלִיגְלֶען. די לוּפְט פוּן אוּנְטֶער די פְלִיגְלֶען שְׁטוּפְּט אַרוֹיף די פְלִיגֶער אוּן די לוּפְט פוּן הֶעכֶער די פְלִיגְלֶען שְׁטוּפְּט עֶס אַרָאפּ. אַזוֹי בְּלַייבְּט די פְלִיגֶער אִין די לוּפְטְן צְוִוישְׁן די אוּנְטֶערְשְׁטֶע לוּפְט אוּן די אוֹיבֶּערְשְׁטֶע לוּפְט. די נָאז פוּן די פְלִיגֶער שְׁנַיידְט דוּרְךְ די לוּפְט פוּן פָארְנְט אַזוֹי וִוי אַ שֶׁערְל אוּן אַזוֹי מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז די פְלִיגֶער זָאל קֶענֶען פָארְן זֵייעֶר שְׁנֶעל".

טַאטִי טֵיילְט אוֹיס אַבִּיסְל עֶסְן אוּן דֶערְנָאךְ לֵיינְט מֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ גֵיין שְׁלָאפְן. עֶס אִיז אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ שְׁלָאפְן זִיצְנְדִיג. די בֶּענְקְל וֶוערְט אַ בֶּעט! דֶערְוַוייל פָארְט די פְלִיגֶער שְׁנֶעל אוּן רוּאִיג אִיבֶּער די אַטְלַאנְטִיק וַואסֶער. דֶער פִּילָאט מֵיינְט אַז עֶר פִירְט די פְלִיגֶער אָבֶּער בֶּאֱמֶת פִירְט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין. די קִינְדֶער שְׁלָאפְן רוּאִיג וַוייל זֵיי וֵוייסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער



בילדער: ח. שטיינבערג




הִיט אוֹיף זֵיי אִיבֶּערָאל און אַלֶעמָאל.

"יֶעדֶער בִּינְדְט זִיךְ גוּט צוּ", רוּפְט דֶער פִּילָאט אוֹיס הוֹיעֶךְ. "מִיר גְּרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין צוּ לאנדן". דִי קִינְדֶער רַייבְּן זִיךְ דִי אוֹיגְן און זֶעהֶען אַז טַאטִי אַיילְט זִיךְ צוּרִיק צוּ זַיין זִיץ נָאךְ סְלִיחוֹת און שַׁחֲרִית. דִי פְלִיגֶער פָּארְט אַרָאפּ, אַרָאפּ און דִי קַארְן און הַייזֶער וֶוערְן גְרֶעסֶער און גְרֶעסֶער.

"בָּרוּךְ הַבָּא צוּ פּוֹילְן" זָאגְט דֶער פִּילָאט. יֶעדֶער קְלַאטְשְׁט "שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם".

"פַארְוָואס צוּ פּוֹילְן? אוּמַאן אִיז אִין אוּקְרֵיינֶע." פְרֶעגְט יוּדֶע'לֶע. טַאטִי עֶנְטְפֶערְט, "אוּקְרֵיינֶע'ס לוּפְט פֶעלְדֶער זֶענֶען פַארְשְׁפַּארְט. דֶערְפַאר פָארְן מִיר צוּ אַ נָאנְטֶע לַאנְד און פוּן דָארְט פָארְט מֶען...

מִיט אַ בַּאן...

אָדֶער מִיט אַ בָּאס...

אָדֶער מִיט אַ וֶוען...

בִּיז דִי גְרֶענִיץ צְוִוישְׁן פּוֹילְן און אוּקְרֵיינֶע".

כָאטְשׁ עֶס נֶעמְט לַאנְג, זִינְגֶען דִי רֶעדֶער פוּן דִי בַּאן, בָּאס, און וֶוען:

"אוּמַאן, אוּמַאן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה" אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט, 'אִיךְ פָאר צוּ אוּמַאן' פִילְט עֶס נִישְׁט אַזוֹי לַאנְג.

בַּיים גְרֶענִיץ גֶעפִינֶען זִיךְ טוֹיזֶענְטֶער אִידְן וֶועלְכֶע וִוילְן אַלֶע אָנְקוּמֶען אַרִיבֶּער דִי גְרֶענִיץ און פָארְן צוּ אוּמַאן. "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר זָאלְן שְׁנֶעל און גְרִינְג אַרִיבֶּער גֵיין דִי גְרֶענִיץ".

שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר זֶענֶען שׁוֹין אִין אוּקְרֵיינֶע! אִין נָאךְ אַ פָּאר שָׁעָה וֶועלְן מִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זַיין אִין אוּמַאן! יוֹסִי און יוּדֶע'לֶע הַאלְטְן זִיךְ פַארְנוּמֶען מִיט דִי אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן וָואס מַאמִי הָאט אַרַיינְגֶעפַּאקְט.

מִיר זֶענֶען שׁוֹין אִין אוּמַאן! שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי גְרִינְגֶע און גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג. פוּן אִינְדְרוֹיסְן הֶערְט זִיךְ מוּזִיק און טַאנְצֶערַייעֶן. אַלֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אוֹיסְהֵיילְן זֵייעֶר נְשָׁמָה בַּיי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי'ס צִיּוּן.

אָבֶער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז וֶוען מֶען קוּמְט צוּ אוּמַאן קוּמְט מֶען נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם, מֶען קוּמְט נָאר צוּם רֶבִּי'ן.

אַזוֹי וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ אַ דָאקְטֶער זִיךְ צוּ הֵיילְן קוּקְט עֶר נִישְׁט אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע וַוארְטְן אוֹיךְ דָארְט. "אוֹי דִי מֶענְטְשׁ הָאט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע פִיס. און דִי מֶענְטְשׁ הָאט אַ רִיזִיגֶע בַּאנְדַאדְשׁ אוֹיפְן קָאפּ. אַזַא מָאדְנֶע (פָאנִי) פְּלַאץ! עֶר קוּמְט נִישְׁט צוּ זֵיי. עֶר קוּמְט צוּ דֶער דָאקְטֶער זִיךְ צוּ הֵיילְן.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען קוּמְט צוּ אוּמַאן, קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן אַרוּם. וֶוען מֶען קוּמְט צוּ אוּמַאן, קוּמְט מֶען נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם נָאר צוּם רֶבִּי'ן.

מִיר לֵייגְן אַרָאפּ דִי פֶּעקְלֶעךְ און רוּעֶן זִיךְ אַבִּיסְל אָפּ. דֶערְנָאךְ לוֹיפְן מִיר גְלַייךְ צוּם צִיּוּן. קֶען מֶען דֶען טְרֶעפֶן אִין דֶער וֶועלְט אַזַא צַדִיק וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר צְוֵויי פוּן זַיינֶע בַּאגְלֵייבְּטֶע תַּלְמִידִים אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען קֵיין אוּמַאן צוּ זַיין הֵיילִיגְן צִיּוּן, און דָארְט זָאגְן דִי תִּקוּן הַכְּלָלִי, דַאן וֶועט עֶר זִיךְ לֵייגְן אִין דֶער לֶענְג און אִין דֶער בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן - וואוּ אִיז נָאךְ דָא אַ צַדִיק מִיט אַזַא מוֹרֶא'דִיגֶע הַבְטָחָה?

טַאטִי גִיבְּט אוּנְז גֶעלְט פַאר צְדָקָה. מִיר זָאגְן "לִזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא" און גֶעבְּן דִי גֶעלְט פַאר צְדָקָה.

דֶערְנָאךְ זָאגְן מִיר דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעך פוּן תִּיקוּן הַכְּלָלִי שְׁטַאט און קְלָאר און מִיר בֶּעטְן זִיךְ אוֹיס אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב פִילְט זִיךְ אַ שִׂמְחָה אִין דִי לוּפְט. שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר!

# קליין און שיין


שרה פערל


מענדי שווארץ


אברהם יהודה הורוביץ


אדי פעלדמאן


בית פיגא קרית יואל


ישראלי פעקעטע - שופר


נחמן יאקאבאוויטש


שרה בריל



דינה יאקאבאוויטש


משפחת היילפרין

# מיט תפלה






געמאלן דורך: **ח. וועבערמאן**

די מעשה פון תפילה ווערט גענומען פון ״קול ברסלב״ האטליין. לאזט אריין אייער מעשה, און די בעסטע מעשה וועט ווערן געמאלן.


5
דער בעל בטחון
אין קורצן פון פריער.
דער איד פאַרציילט פאַרן קעניג זיין סדר, פאַרוואס ער איז אזוי פריילִיך.
איך האַנדל זיך איין מײַנע פליישׁ און גוטע ווײַן...
איך באַצאָל מיט מײַנע 6 קאָפּיקעס ...
...דערנאָך קום איך אהיים און רעכט אָפּ אַ פײַנע סעודה, און איך דאַנק דעם אויבערשטן!
איינגעווען צו הערן ר' בערל... פּײַן, וועל איך גיין...
איך מוז אים אויספּרובירן צו זען אויב ער וועט טאַקע בלייבן אַזוי פריילִיך!
איך האָב אַ געדאַנק!
ליינט ווייטער קומענדיגע וואָך אי"ה.
ישראל דוד העסקעל







# דא האט איר א שיינע קארטל

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב

צו באקומען ביי קרן הדפסה 718-387-2691 #104

פאר סיי וועלכע הערות ביטע רופט אריין קרן הדפסה





די קלענערע קינדער פון תלמוד תורה בית שמש מיט א וואגשאל - ה׳ כי תצא









די קלענערע קינדער פון תלמוד תורה בית שמש ביים טאנצן לכבוד חודש אלול - ה׳ כי תצא

















**בשר מיט חלב פארמעסט אהערגעשטעלט דורך די טייערע קינדער פון מחנה להודות די לעצטע וואך פון קעמפ - ב' כי תבוא לאומאן (חלק א')**



















**בשר מיט חלב פארמעסט אהערגעשטעלט דורך די טייערע קינדער פון מחנה להודות די לעצטע וואך פון קעמפ - ב' כי תבוא לאומאן (חלק ב')**













**בשר מיט חלב פארמעסט אהערגעשטעלט דורך די טייערע קינדער פון מחנה להודות די לעצטע וואך פון קעמפ - ב' כי תבוא לאומאן (חלק ג')**



















**בשר מיט חלב פארמעסט אהערגעשטעלט דורך די טייערע קינדער פון מחנה להודות די לעצטע וואך פון קעמפ - ב׳ כי תבוא לאומאן (חלק ד׳)**














**בשר מיט חלב פארמעסט אהערגעשטעלט דורך די טייערע קינדער פון מחנה להודות די לעצטע וואך פון קעמפ - ב' כי תבוא לאומאן (חלק ה')**












**בשר מיט חלב פארמעסט אהערגעשטעלט דורך די טייערע קינדער פון מחנה להודות די לעצטע וואך פון קעמפ - ב' כי תבוא לאומאן (חלק ו')**















**בשר מיט חלב פארמעסט אהערגעשטעלט דורך די טייערע קינדער פון מחנה להודות די לעצטע וואך פון קעמפ - ב׳ כי תבוא לאומאן (חלק ז׳)**











**געשמאקע טריפ פון אלע תלמודי תורה היכל הקודש אין ארץ ישראל - שחרית, פרישטאג, ביים מתפלל זיין ביים
קבר פונעם צדיק יצחק בר יצחק גברא אין עג'ור און ביים געבן צו עסן פאר די בהמות - ד' כי תבוא לאומאן**